# שהחיינו

בעזהשי״ת | אויסגאבע פון UJO פאר די אויפבויער פון כלל ישראל אין וויליאמסבורג | לכבוד פסח תשע״ז



בילד פון א קליינעם פישער שיף וואס בארגע לאורסען און דזשעיקאב ענדערסען האבן גענוצט צו ראטעווען אידן אין תשרי תש"ג. דער שיפל האט געקענט באהאלטן 2-3 אידן אויף אמאל. זיי זענען געפארן בערך צען מאל צו העלפן אידן זיך ראטעווען.






בעזרת השם יתברך


The United Jewish Organizations of Williamsburg gratefully acknowledges the funding we receive to support our vital programs from the

**CLAIMS CONFERENCE**

**NEW YORK CITY DEPARTMENT FOR THE AGING**

**DEPARTMENT FOR YOUTH AND COMMUNITY DEVELOPMENT**

**THE NEW YORK CITY COUNCIL**

and the

**NEW YORK CITY COUNCIL ELIE WIESEL HOLOCAUST SURVIVORS INITIATIVE**


# שהחיינו


## קאָמענטאַרן און בריוון

אויב ווילט איר קאָמענטירן איבער אַרטיקלען אין די אויסגאַבע אָדער אַריינשיקן פאָרשלאַגן ווי אַזוי צו באַרייכן די אויסגאַבע און איבער די סערוויסעס, קענט איר שיקן אַ בריוו

דורך פעקסן צו: 718.301.1229

דורך אימעיל צו: letters@unitedjewish.org

אָדער דורך פאָסט צו: UJO
32 Penn Street, Brooklyn, NY 11249

צייכנט אָן דערויף אַז עס איז איבער "שהחיינו" אַדאַנק!




דער סדר נאַכט, דער זמן חירותינו, איז דער צייט ווען יעדער איד זעצט זיך ביים סדר מיט די משפחה און לויבט השי"ת פאַר די וואונדערליכע נסים פון יציאת מצרים, און דאָס וואָס שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב"ה מצילינו מידם, דאָס וואָס מיר זענען ניצול געוואָרן פון גזירת כליה, שמד און אַלע ביטערע גזירות במשך די טויזנטער יאָר זינט יציאת מצרים.

די ווערטער "ואותנו הוציא משם" האָט גאָר אַן אַנדערער באַדייט פאַר די אידן וואָס דער אייבירשטער האָט געהאָלפן און מען איז אַרויסגעקומען פון די ביטערע מלחמה און צוריק אָנגעהויבן אַ לעבן נאָך די שוידערליכע מיטמאַכענישן, די אַוועקרייסונג פון די משפחה, קינדער, געשוויסטער און עלטערן. די וועלט איז געווען פאַרביי. דאָך האָט דער אייבירשטער געהאָלפן מ'האָט איבערגעלעבט, מ'האָט זיך צוזאַמענגענומען, מ'האָט צוריק אויפגעשטעלט כלל ישראל מיט די בלויזע צען פינגערס.

במתי מעט - מ'איז געווען נאָך די מלחמה איינצעלנע מענטשן, אָן קיין האָב און גוטס, אינגע מענטשן אָן קיין עלטערן וואָס ווייזן דעם וועג. מ'האָט זיך אָבער געשטאַרקט מיט מסירת נפש, און זיכער געמאַכט אַז מ'קומט אָן ביי ערטער ווי ערליכע אידן גרופּירן זיך. מ'האָט מיט מסירת נפש זיך געהאַלטן צו מסורת אבות, ואל תטוש תורת אמך וואָס מ'האָט געדענקט פונדערהיים.

ועתה שמך ה' אלקינו ככובי השמים לרוב - איצט ווען מ'זעצט זיך צום סדר, בניך כשתילי זתים סביב לשולחניך, מ'קוקט זיך אַרום וואָס פאַר אַ דור און דורות מ'האָט ב"ה

# ואותנו הוציא משם!

אויפגעשטעלט, לאָזט זיך נישט גענוג דאַנקן און לויבן דעם אייבירשטען פאַר דעם אויסערגעווענליכן וואונדערליכן נס.

דער אינגערער דור, וואָס איז ב"ה אויפגעוואַקסן אין פרייהייט, קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם אָפענעם נס וואָס מ'איז דורכגעגאַנגען. זיבציג יאָר נאָך וואָס די וועלט איז געווען פאַרוויסטעט, היה העולם שמם, האָט מען אַזאַ כלל ישראל, אַזאַ עם רב פון הונדערטער טויזנטער קינדער וואָס קלאַמערן זיך צום ערליכן וועג, און האָבן איבערגעפלאַנצט דעם אַלטן היים קיין אַמעריקע.

עס זענען געווען און עס זענען פאַראַן אידן וואָס האָבן זיך געפירט ביים סדר נאַכט צו רעדן פון די ביטערע מיטמאַכענישן און השגחה פרטיות וואָס מ'האָט געזען אין די לאַגערן, וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז צוויי מלאכים האָבן באַגלייט יעדן איד וואָס האָט איבערגעלעבט די שרעליכע מלחמה. זיי האָבן מאריך געווען אינעם "ואותנו הוציא משם". דער בכל דור ודוד חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים האָבן זיי מקיים געווען במלוא מובן המלה.

רוב איבערלעבער האָבן אָבער נישט געוואָלט איבערלעבן די קאָשמאַרן, און אַריינברענגען דעם שרעק און פּיין ביי די קינדער און אייניקלעך. דאָס ווענדט זיך יעדער אין די אייגענע געפילן.

אָבער אפילו די וואָס ווילן נישט רעדן פון די ליידן, וואָלט געווען גערעָטן אויב זיי קענען ווען רעדן צו די קינדער און משפחות פון די יאָרן נאָך די קריג, ווי אַזוי מ'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן און צוריק אויפגעבויעט דעם כלל ישראל - די צדיקים ביי וועלכע מ'האָט זיך געדרייט, דאָס מסירת נפש וואָס מ'האָט געהאַט צו אידישקייט. דאָס איז אַ לעבעדיגע מוסר ספר, אַריינצופּרעגלן אמונה, בטחון, און אידישקייט אין די דורות הבאים.

מיר אין די יו.דזשעי.אָ. שפּורן אַלס מורא'דיגע זכיה צו שטיין צום דינסט פון דער ערשטער דור וואָס האָבן אויפגעבויעט דעם יהדות החרדית אויף דעם האַרטן אַמעריקאַנער באָדן, און האָבן זיכער געמאַכט אַז דער כלל ישראל האָט אַ המשכה און עס ווערט מקויים כי לא תשכח מפי זרעו. מיר האָפן אַז איר וועט הנאה האָבן פון די קומענדיגע בלעטער, וואָס דערציילט די אינטערעסאַנטע איבערלעבעניש דורכאויס די קריג פון אַ חשוב'ע וויליאַמסבורגער איינוואוינער, ווי אויך ענטהאַלט עס אינפאָרמאַציע וועגן וויכטיגע סערוויסעס וואָס זענען נוגע.

מיר ווּאונטשן אַ ברכת הדיוט אַז יהי רצון לשנה הבאה כן, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, קומענדיגעס יאָר זאָל מען ווייטער זיצן ביים סדר מיט די משפחות געזונטערהייט, און מיר האָפן אַז נאָך היי-יאָר וועלן מיר שוין זוכה צו די ריכטיגע גאולה שלימה, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים אכי"ר.

ווי אַזוי מ'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן און צוריק אויפגעבויעט דעם כלל ישראל – די צדיקים ביי וועלכע מ'האָט זיך געדרייט, דאָס מסירת נפש וואָס מ'האָט געהאַט צו אידישקייט. דאָס איז אַ לעבעדיגע מוסר ספר, אַריינצופרעגלן אמונה, בטחון, און אידישקייט אין די דורות הבאים

אַ כשר'ען און פריילּיכן פסח,

**הק' משה דוד ניעדערמאַן,**

אין נאָמען פון די גאַנצע סטעף און הנהלה


אךבינאַ



# דענישער!

**רעביצין טורנהיים שתחי' לאויש"ט,** אַ חשוב'ע קריג איבערלעבער וועלכע וואוינט אין וויליאַמסבורג, שילדערט אין אַן אינטערוויו מיט 'שהחיינו' ווי אַזוי זי איז בחסדי ה' געראַטעוועט געוואָרן פון די **קריג אין דענמאַרק.**

פאַרוואָס וויל נישט רעביצין טורנהיים טוישן איר דענישע בירגערשאַפט? | דאָס לעבן אונטער נאַצישע אָקופּאַציע און דער דענישער ווידערשטאַנד | דער וועג וואָס עטליכע קליינע געשוויסטער האָבן געמאַכט אַרום דענמאַרק און דערנאָך קיין שוועדן | פאַרוואָס האָט מען זיי נישט געוואָלט האַלטן אין יתומים היים? | דאָס פאַרלירן די שחיטה האָט זיי געראַטעוועט פון שחיטה

# די רעטונג פונעם דענישן אידענטום, ראש השנה תש"ד

צווישן די הונדערטער קריג איבערלעבער לאוויש"ט אין וויליאַמסבורג - וואָס אונזער געגנט, וויליאַמסבורג, האָט פון די סאַמע גרעסטע געמיינדעס פון קריג גרעראַטעוועטע - קומען רובא דרובא פון מזרח אייראָפּעער לענדער, און אַ קלענערער פּראָצענט זענען געקומען פון מערב אייראָפּע ווי עסטרייך, דייטשלאַנד א.ד.ג. זיי האָבן גאָר ביטערע זכרונות פון זייערע היימלענדער, וועלכע האָבן אין רוב פעלער נישט בלויז צוגעקוקט מיט גלייכגילטיקייט ווי די דייטשע רשעים פירן דורך די שווידערליכע מאַסן רציחות, נאָר האָבן אַקטיוו אַנטייל גענומען אין דעם מאָרד פון די הייליגע קדושים הי"ד און דעפּאָרטירונגען פון זייערע אידישע ברידער און שוועסטער.

ווייניגסטענס איינע פון די איבערלעבער החיים אתנו, וועלכע רופט איצט וויליאַמסבורג איר היים לאורך ימים ושנים טובים, קומט אָבער פון דעם סקאַנדינאַווישן ראַיאָן, דענמאַרק.

די דענישע בירגער זענען אַריין אין די היסטאָריע מיט גאָלדענע בוכשטאַבן פאַר דעם וואָס זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם צורר היהודים ימ"ש און געהאָלפן די קליינע צאָל אידישע בירגער אין לאַנד זיך ראַטעווען פון די בלוטיגע נאַצישע נעגל.

רעביצין מרים טורנהיים איז טאַקע זייער מכיר טובה איר היימלאַנד, און מיט שטאָלץ האַלט זי אָן איר דענישע בירגערשאַפט. "איך בין אַ דענישער," זאָגט זי אָנהייבנדיג איר אינטערוויו מיט 'שהחיינו'. בעת אַ באַזוך אין איר דירה ווייזט זי מיט שטאָלץ איר דענישע פּאַספּאָרט. שפּורנדיג די דאַנקבאַרשאַפט פאַר'ן לאַנד פאַר'ן ראַטעווען איר מיט די גאַנצע משפחה פון דעם שרעקליכן פּאַרטיליגונג פּלאַן, וויל זי נישט טוישן איר בירגערשאַפט.

אין דעם פאָלגענדן אַרטיקל וועט איר מיטהאַלטן די רעטונג געשיכטע פון רעביצין טורנהיים, וואָס זי געדענקט פון אירע קינדער יאָרן ווי אַזוי מ'האָט געשפּורט די קריג אין דענמאַרק, און ווי אַזוי בחמלת ה' איז מען געראַטעוועט געוואָרן פונעם צר הצורר.



די **דענישע פּאַספּאָרט** וואָס רעביצין טורנהיים תליט"א נוצט ביז'ן היינטיגן טאָג

תר"צ-תש"ש: **דענמאַרק בעפאָר די קריג**

## דאָס אידישע לעבן אין דענמאַרק

דאָס זעקס אַ האַלב יעריגע מרים פוקס - דאָס עלטסטע מיידל צו אירע עלטערן - און די דריטע קינד אין די משפחה - האָט געלעבט אַ זאָרגלאָז לעבן אין קאָפּענהאַגען. אַלס אינגע קינד האָט זי געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף איבער וואָס עס טוט זיך אין אייראָפּע און די בייזוויליגע פּלענער וואָס עס וועבט זייער שכנות'דיגע לאַנד, דייטשלאַנד.

מרימ'ל איז יעדן טאָג געגאַנגען אין די אידישע שולע - איינע פון צוויי אידישע שולעס אין די שטאָט, וואו זי איז געווען פון די פרומערע קינדער. נאָך די שולע טאָג פלעגט זי גיין צולערנען מער אידישע ענינים ביי די טאָכטער פון הרב יאַקעבזאָהן ז"ל, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער רב פון די מחזיקי הדת קהלה.

נאָכ'ן ענדיגן צולערנען מיט מס. יאַקעבזאָהן, איז זי אַהיים אין שטוב וואו זי האָט אָפט געפינען איר פאָטער, להבחל"ח הרה"ח שו"ב ר' מיכאל יעקב פוקס ע"ה, זיצן און לערנען, האַלטנדיג נאָך אַ טאָג אין די שחיטה. אין די ערשטע יאָרן פלעגט ער העלפן זיין פאָטער, דער שוחט ובודק אין קאָפּענהאַגען, הרה"ח ר' חיים משה פוקס ע"ה, וועלכער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס שוחט אַרום יאָר תר"פ, ווען ער האָט זיך אַהינגעצויגן פון פּוילן (די באַבע, רבקה מרים פוקס ע"ה, איז נפטר געוואָרן קורץ נאָכן אָנקומען אַהין, דעם ערשטן טאָג סוכות פון יאָר תרפ"א). ווען ר' חיים משה ע"ה האָט אויפגעהערט



רעביצין טורנהיימ'ס מאַמע'ס זיידע, **הר"ר יוסף צבי אַבערשטיין ע"ה**, וועלכער איז אַנטלאָפן פון ליטע קיין שוועדן

שעכטן, האָט איר פּאָטער איבערגענומען די שטעלע אַלעס שוחט.

מרים פלעגט זיך אויך דרייען ביים זיידע'ן אין שטוב, ר' חיים משה ע"ה, וועמען זי האָט געזען לערנען מיט התמדה אין די פרייע צייט. ביים זיידן אין שטוב האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ פליסיגן אידיש, וויבאַלד דאָרט האָט מען גערעדט בלויז אין די מאַמע לשון - אַנדערש ווי אין אַלגעמיין וואָס אַלע אידישע קינדער אין שולע האָבן גערעדט דעניש.

דער זיידע ר' חיים משה ע"ה פלעגט אויך אָפּטע האָבן בחורים וועלכע האָבן זיך צוגעזעצט לערנען מיט אים. ערגעץ אַנדערש האָבן זיי נישט געהאַט וואו צו לערנען, וויבאַלד ס'איז דאָרט נישט געווען קיין ישיבה. אַ טייל בחורים זענען אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַנדערע מקומות.

צום ביישפּיל, רעביצין טורנהיים'ס פּאָטער, ר' מיכאל יעקב ע"ה, מיט נאָך עטליכע ערליכע בחורים פון די שטאָט, זענען געפאָרן לערנען אין ראַדין ביים חפץ חיים זצ"ל. אָבער עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געקענט אַוועקפאָרן צוליב סיי וועלכע סיבה אָדער ווייל זייערע עלטערן האָבן נישט געהאַלטן ביים זיי שיקן לערנען און געוואָלט זיי זאָלן לערנען אַ פאַך, אָבער די וואָס נפשם חשקה בתורה פלעגן זיך צושאַרן צו ר' משה חיים ע"ה.

מיט עטליכע יאָר פריער, אַרום די צייט ווען מרים'ס עלטערן האָט חתונה געהאַט, איז געווען אַ רעדע פון עפענען אַ ישיבה. דעמאָלט האָט משמש געווען ברבנות אין די פרומע מחזיקי הדת קהלה הרה"ח ר' מיכאל שלום ווינקלער זצ"ל, אַ תלמוד פון מרא דארעא דישראל הרה"ג ר' יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל. ער האָט מחבר געווען עטליכע ספרים, אַריינגערעכנט דעם ספר משברי ים אויף מסכתות אין ש"ס. ער האָט פריער געהאַט רבנות שטעלעס אין עטליכע שטעט אין אייראָפּע, און די לעצטע איז געווען קאָפּענהאַגען.

הרב ווינקלער זצ"ל האָט געשטרעבט צו פאַרשטערקערן די ערליכע קהלה, דורך גרינדען אַ ישיבה פאַר בחורים כדי אויך ווען די אינגלעך ווערן עלטער זאָלן זיי ווייטער קענען לערנען. פאַר


NOTA.

Modtaget i Anledning af Fru Rebekka Fuchs

Begravelse, den 29/9.

| | Kr. | Øre |
|---|---|---|
| For Indf. i Ministerialprotokol | 1. | 00 |
| For fornødne Anmeldelser paa beh. Steder | 6. | 00 |
| For Ligvognens Afbenyttelse med Tilbehør (store Vogn) | 30. | 00 |
| Ekstra-Udgifter | 2. | 00 |
| Summa | 39. | 00 |

hvorfor kvitteres

København, d. 29/9. 1920.

Graver ved det mosaiske Troessamfund.

At ovenstaaende er overensstemmende med Taksten attesterer jeg som Repræsentant for det mosaiske Troessamfund.

**אַ רעסיט אַז מ'האָט באַצאָלט די שטייער און קאָסטן פון די קבורה, פאַר רבקה פוקס ע"ה,** מיט'ן דאַטום פון סוכות תרפ"א. זי איז נפטר געוואָרן קורץ נאָך וואָס דער זיידע האָט זיך געצויגן קיין קאָפּענהאַגען איבערצונעמען די שחיטה.




**שער בלאַט פונעם ספר משברי ים** וואָס **הרב מיכאל שלום ווינקלער ז"ל** האָט געדרוקט אין יאָר תרפ"ט בעת'ן זיין רב אין קאָפּענהאַגען, שרייבנדיג אויף זיך "אבד"ק מחז"ה (מחזיקי הדת) בקופינהאגן".




**די מצבה פון הרב מיכאל שלום ווינקלער ז"ל אינעם מאַונט כרמל בית החיים**, וואו עס ווערט אַרויסגעברענגט אַז ער האָט לוחם געווען למען הדת זייענדיג דער **רב דקהל מחזיקי הדת הישנה.**




אַ בילד ווי **הרב שלום שכנא מקאָפּענהאַגען ז"ל** זאָגט אַ דרשה בחייו פון זיין פאָטער, הרב אברהם ז"ל

דעם צוועק איז ער אַרויסגעפּאָרן קיין אַמעריקע צוזאַמענשטעלן געלט, און לויט קוועלער האָט ער נישט מצליח געווען און האָט אפילו נישט געהאַט קיין געלט אויף שפּעזן אַהיים. ער איז אַוועק אין יאָר תרצ״ב, אין פריען עלטער פון 62 יאָר. זיין מצבה געפינט זיך אינעם מאַונט כרמל בית החיים אין ניו יאָרק.

אויך האָט מרים זיך געדרייט ביי די מאַמע'ס עלטערן. די זיידע הרה״ח ר׳ יעקב רובן ע״ה איז געווען זייער אַן ערליכער איד, וועלכע איז געווען פון די פרנסי קהלה און די מיסדים פון די ערליכע מחזיקי הדת שול, וואָס האָט געהאַט עטליכע הונדערט מיטגלידער, און ער האָט אויסגעהאַלטן דעם ערליכן רב פון זיין טאַש. דער זיידע ע״ה האָט געהאַנדלט מיט אַנטיק, און האָט געוואוינט שוין פאַר יאָרן אין קאָפּענהאַגען.

די קהלה אין קאָפּענהאַגען איז געשטאַנען שוין כאָטש פון די מיטלע ת״ק יאָרן. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק איז עס געפירט געוואָרן דורך הרה״ג ר׳ אברהם גדלי׳ זצ״ל, וועלכער האט משמש געווען ברבנות אין די שטאָט פאַר 36 יאָר, ביז זיין פּטירה, תקפ״ח. שפּעטער איז דאָרט געווען רב זיין זון, הרה״ג ר׳ שלום שכנא זצ״ל. אָבער מיט יאָרן שפּעטער איז די קהלה געוואָרן מאָדערניזירט. אַרום 35 יאָר בעפאָר די קריג האָבן זיך די פרומערע אידן אָפּגעטיילט און געגרינדעט אַ קלענערע קהלה, און האָבן עס גערופן די אַלטע מחזיקי הדת, און ווי געזאָגט איז די זיידע ר׳ יעקב רובן ע״ה געווען פון די מייסדים.

די באַבע - די מאַמע'ס טאַטע - איז געווען אַ טאָכטער פון הר״ר יוסף צבי אַבערשטיין ע״ה וועלכער איז געקומען פון ליטע, און איז אַנטלאָפן צו די שכינות'דיגע שוועדן כדי זיך צו ראַטעווען פון די גזירה צו דינען אין מיליטער.

ביי די קריג איז דאָרט געווען דער רב הרב בנימין זאב יאקאָבזאָהן זצ״ל, וועלכער איז נאָך די קריג געבליבן אין שוועדן און איז אויך געוואָרן רב אין שטאָקהאָלם.



## ר״ח ניסן ת״ש: דער דייטש נעמט איין דענמאַרק

דענמאַרק איז געווען פון די ערשטע לענדער צו קומען אונטער דייטשע אָקופּאַציע גאַנץ פרי אין די צווייטע מלחמה. נאָך עסטרייך, פוילן און טשעכסלאָוואַקיער טעריטאָריעס, האָבן די נאַצי כוחות זיך אַ לאָז געטאָן צו זייער שכן מיט וועלכע זיי האָבן אַ געמיינזאַמען גרעניץ, דענמאַרק.

זייענדיג אַ קליין לענדל, וועלכע האָט בעפאָר די קריג געהאַט אונטער 4 מיליאָן בירגער - איר באַפעלקערונג היינט ציילט זיך ביי 5.7 מיליאָן - האַלטן היסטאָריקער אַז היטלער האָט נישט געצילט אַזוי ווייט קעגן דענמאַרק, ווי דאָס וואָס ער האָט געוואָלט נוצן אַ דענישע לופט-באַזע צו אָקופּירן די שכינות'דיגע נאָרוועגיע - וועלכע איז געווען פיל וויכטיגער פאַר אים פון אַ פּאָליטישן און סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט.

די דייטשן זענען אַריין אין דענמאַרק ראש חודש ניסן ת״ש. רעביצין טורנהיים - וועלכע איז דעמאָלט אַלט געווען נאָנט צו זיבן יאָר - געדענקט נאָך די אוממעטיקייט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט'ן אַריינקום פונעם דייטש, ווען די גאַסן זענען פאַרפלייצט געוואָרן פון בלעטלעך אַרויסגעוואָרפן דורך די דייטשן אָנצוזאָגן אַז זיי נעמען דענמאַרק אונטער זייער 'שוץ'...

## די ערשטע דריי יאָר אונטער אַ פּראָטעקטאָראַט

צוויי שעה נאָך וואָס די דייטשע מיליטער איז אַריין אין לאַנד, האָט די דענישע רעגירונג געמאָלדן אַז זיי קאַפּיטולירן און וועלן נישט אָפּקעמפן די אינוואַזיע.

אַנדערש ווי אַנדערע לענדער וואו דייטשלאַנד האָט גלייך אָנהייב אַרויפגעצווינגען זייערע שווערע גזירות און געמאַכט אַן איבערקערעניש, האָבן זיי אין דענמאַרק מערסטנס געלאָזט די דענישע רעגירונג אין טאַקט.

היסטאָריקער רעכענען אויס עטליכע סיבות פאַרוואָס דייטשלאַנד האָט נישט גענצליך אַרויפגעצווינגען זייער מאַכט אויף דענמאַרק גלייך פון אָנהייב - אַריינגערעכנט ווייל די דייטשע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן באַצייכנט די דענישע בירגער אַלס אָפּשטאַמיג פון די 'אַריאַנער' ראַסע, וועלכע די דייטשן האָבן געהאַלטן אַלס אַ העכערע באַשעפעניש.

אויך האָט די דייטשע רעגירונג געוואָלט נוצן דענמאַרק אַלס מוסטער ווי אַזוי זיי ווילן רעגירן אויף אייראָפּע אונטער אַ פּראָטעקטאָראַט סיסטעם. אונטער דעם איינשטעל, בלייבט די לאָקאַלע רעגירונג די אויטאָריטעט אויף מערסטנס אינערליכע אָנגעלעגנהייטן, אָבער די אינוואַדירנדע מאַכט - דייטשלאַנד - באַקומט די ערשאַפט אויף די מיליטער און אַנדערע גרעסערע אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן געוואָלט דעמאָנסטרירן צו אַנדערע רעגירונגען אַז די דייטשע אָקופּאַציע איז נישט אַזוי געפערליך, כדי זיי זאָלן זיי נישט אַזוי שטאַרק אָפּקעמפן.

אָנהייב, ביי די וואַנעסע קאָנפערענץ וואָס דייטשלאַנד האָט פאַררופן איבער די 'יודען פראַגע', האָט דער פאָרשטייער פון דייטשלאַנד פאַרגעשלאָגן אַרויסצולאָזן די סקאַנדינאַווישע לענדער - וואָס שליסט אַריין דענמאַרק - פון די 'ענדגילטיגע לעזונג'. זיי האָבן געהאַלטן אַז דאָס וועט לייכט געלעזט ווערן נאָך וואָס דייטשלאַנד וועט האָבן געזיגט די קריג,




טייל פונעם **יחוס פון רעביצין טורנהיים'ס משפחה**

וויבאַלד די לענדער האָבן געהאַט זייער קליינע אידישע באַפעלקערונגען. למעשה האָבן די דייטשן יאָ דעפּאָרטירט אידן פון די שכנות'דיגע נאָרוועגיע, אָבער אין דענמאַרק האָבן זיי עס נישט געטאָן אין די ערשטע עטליכע יאָרן פון די אָקופּאַציע.

רעביצין טורנהיים לויבט שטאַרק אויס דעם קעניג - קעניג קריסטען דער צענטער - וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט די דייטשע פּאַרלאַנגן דורכצופירן אַנטיסעמיטישע געזעצן. אַדאַנק זיין שטאַנדהאַפטיקייט איז דאָס אידישע לעבן ווייטער אָנגעגאַנגען, און די אידישע שולע וואו זי איז געווען האָט ווייטער פונקציאָנירט פאַר אַרום דריי יאָר. זי זאָגט אַז די גזירות האָבן זיך נישט אָנגעהויבן "ביז ווען דער קעניג איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון פערד" (זעט ווייטער דערוועגן).

דורכאויס די יאָרן האָט דייטשלאַנד פּרובירט צו דרוקן אויף דענמאַרק דורכצופירן די רשעות'דיגע געזעצן אויף זייער אידישע באַפעלקערונג. ווען די דענישע רעגירונג האָט זיך קעגנגעשטעלט האָבן זיי באַשלאָסן אַז עס לוינט זיך נישט צו פּרובירן אַרויפצואוואַרפן די געזעצן, ווייל דאָס קען שטופּן די דענישע רעגירונג און איר באַפעלקערונג צו רעוואָלטירן און זיך צו נעמען קעמפן געגנצליך אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם יאָך פונעם דריטן רייך.

## דענישער פּאַרלאַמענט: טשעפּען די אידן איז אַ רויטע ליניע וואָס מיר גייען נישט אַריבער

מיט די יאָרן האָט דייטשלאַנד פּרובירט מער אַרויפצווינגען זייער הערשאַפט אויף דענמאַרק. זיי האָבן נישט געקענט טאָלערירן וואָס דאָס לאַנד בייגט זיך נישט פאַר זיי, און האָט אויך געדרוקט זיך צו נעמען צו רודפ'ען די אידן. אין רעאַקציע, האָט דער דענישער פּאַרלאַמענט, אום כסליו תש"ב, אַרויסגעגעבן אַן אָפּיציעלע דעקלעראַציע אַז זיי וועלן נישט דורכפירן די רדיפות אויף די אידן וואָס דייטשלאַנד האָט פאַרלאַנגט.

די דעקלעראַציע איז געקומען נאָך וואָס דייטשלאַנד האָט געצווינגען דעם אויסערן מיניסטער און שפּעטערער פּרעמיער מיניסטער, עריק סקעווענויס, אונטערצושרייבן דעם אַנטי-קאָמינטערן פּאַקט, אַז דענמאַרק וועט צושטיין צו דייטשלאַנד קעגן דעם סאָוויעטן פאַרבאַנד און די קאָמוניסטישע כוחות. ווען סקעווענויס האָט זיך צוריקגעקערט קיין קאָפּענהאַגען, זענען פאַרגעקומען ראַיאָטן אין די גאַסן. די באַפעלקערונג האָט געציטערט אַז סקעווענויס' פאַרפליכטונג באַדייט אַז דענמאַרק וועט זיך אָנשליסן אין די נאַצישע מלחמות - פאַרלעצנדיג דענמאַרק'ס אָפּיציעלע נייטראַליטעט - און וועט אויך קאָאָפּערירן מיט די נאַצישע טיילוואָנישע פּלענער קעגן די אידן.

סקעווענויס האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט פונעם קאַבינעט צו דעבאַטירן וואָס עס זענען די רויטע ליניעס אין די דענישע באַציאונגען מיט דייטשלאַנד. דער קאַבינעט האָט דאָס דיסקוסירט, און האָט אָפּיציעל דערקלערט אַז עס זענען פאַראַן דריי רויטע ליניעס:

1) דענמאַרק וועט נישט דורכפירן קיין שום געזעץ צו דיסקרימינירן קעגן אידן;

2) דענמאַרק זאָל זיך קיינמאָל נישט אָנשליסן אינעם אַקסן פאַרבאַנד פאַקט וואָס האָט עקזיסטירט צווישן דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן.

3) קיין שום איינהייט פון די דענישע אַרמיי זאָל קיינמאָל נישט באַקעמפן אויסלענדישע קרעפטן.

## דאָס לעבן אונטער אָקופּאַציע

במשך די ערשטע עטליכע יאָר, זאָגט רעביצין טורנהיים, איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען ווייטער פאַר די דאָרטיגע אידן. יאָ, די אומשטענדן זענען שווערער געוואָרן. צוליב די קריג, איז געוואָרן אַ מאַנגל אין לעבנסוויכטיגע פּראָדוקטן. דאָס עסן איז געוואָרן איינגעטיילט, און מ'האָט עס בלויז געקענט קויפן מיט קאַרטעס.

יעדע משפחה האָט באַקומען אַ חודש'ליכע קאַרטע וואָס האָט איינגעטיילט וויפיל צוקער, קאַווע, אייער, מעל און פילע אַנדערע וויכטיגע פּראָדוקטן מ'קען קויפן, אָבער אפילו דאָס האָט מען נישט אַלץ געקענט קויפן. מ'פלעגט מעלדן ווען אַ פּראָדוקט איז דאָ צו באַקומען, און מ'האָט געדאַרפט דעמאָלט אַריינכאַפּן. וואָס מ'האָט אַהיימגענומען האָט געדאַרפט קלעקן ביז סוף חודש און ביז עס וועט קומענדיגעס מאָל זיין צו באַקומען.

גאַז איז אויך געווען זייער באַגרעניצט. ס'איז נישט געווען קיין הייצונג, און בלויז אַ געוויסע צייט פון טאָג איז געקומען גאַז. דעמאָלט האָט מען געדאַרפט אָפּקאָכן אַלע געקעכטסן.

דערנאָך האָט מען געליטן פון באָמבאַדירונגען פון די ענגלענדער קעגן די נאַציס. כמעט וועכנטליך האָבן זיך צופּיפּן די אַלאַרמס, און מ'האָט געדאַרפט לויפן זוכן שוץ אין קעלער פון די געביידע וואו מ'האָט געוואוינט. אויב מ'האָט זיך געפינען אין גאַס, איז מען געלאָפן צו די נענטסטע קעלער וואָס מ'האָט געקענט טרעפן. מ'פלעגט האַלטן ביים בעט די קליידונגען און די וויכטיגסטע זאַכן, כדי אויב עס נעמט זיך פייפן אינמיטן דער נאַכט זאָל מען קען לויפן אָן קיין פאַרזוימונגען, און זייענדיג פאַר שעות אין בונקער זאָל מען האָבן וואָס צו פיטערן אַ קינד א.ד.ג.

די פּראָבלעמען און ליידונגען האָבן אָבער באַמוטשעט די גאַנצע באַפעלקערונג, און נישט בלויז די אידן. דאָס אידיש לעבן איז נישט געשטערט געוואָרן, און די אידישע שולע וואו רעביצין טורנהיים און די געשוויסטער האָבן געלערנט איז ווייטער אָנגעגאַנגען ביז ממש דעם לעצטן ראש השנה.

## סוכות תש"ג: דער טעלעגראַם קריזיס

מיט דער צייט האָט דער צורר היהודים היטלער ימ"ש אָנגעהויבן צו פאַרלירן געדולד מיט דענמאַרק און זייער עקשנות'דיגער ווידערשטאַנד זיך מער צו צושטעלן צו דייטשלאַנד. אַ שווערער קריזיס איז ענטשטאַנען סוכות תש"ג, ווען דער דענישער קעניג האָט נישט געהעריג געענטפערט צו היטלער'ס געבורט-טאָג וואונטשן.

סעפּטעמבער 26, 1942, וואָס איז געפאַלן דער ערשטער טאָג סוכות, איז געווען קעניג קריסטיען'ס 72'סטער געבורט-טאָג. היטלער האָט אָפּגעשריבן דעם קעניג אַ לאַנגן פערזענליכן באַגריסונגס בריוו. "שפּרעכן מיינע בעסטן דאַנק," האָט דער קעניג געענטפערט אין אַ פיר ווערטער טעלעגראַם. דער 'פורער' האָט געהאַלטן אַז דער קעניג האָט אים דאָ צוריקגעפּאַטשט אין פנים פאַר זיין חנופה.

ער האָט זאָפאָרט אַהיימגערופן דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר פון קאָפּענהאַגען, און האָט אַרויסגעוואָרפן דעם דענישן אַמבאַסאַדאָר פון בערלין - וואָס איז אַ שאַרפער דיפּלאָמאַטישער סימבאָל אַז מ'האַקט אָפּ באַציאונגען. דער דענישער קעניג האָט פּרובירט צו שיקן דעם קרוין פּרינץ פּרעדעריק קיין בערלין פערזענליך זיך צו אַנטשולדיגן פאַר'ן 'פורער', אָבער היטלער האָט אים נישט געוואָלט אויפנעמען.

דייטשלאַנד האָט דאַן אַריינגעשיקט שטרענגערע קאָמאַנדירן און האָט געדרוקט דענמאַרק צו טוישן דעם פּרעמיער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּורן אַז היטלער וויל גענצליך אַרויפצווינגען די נאַציסטישע גזירות אויף דענמאַרק. דענישע בירגער האָבן פאַרמערט סאַבאָטאַזש אַקציעס און אַנדערע געוואַלדטאַטן קעגן די דייטשע קרעפטן אין לאַנד.

אין מאַרטש פון 1943 האָט דייטשלאַנד ערלויבט אָפּצוהאַלטן וואַלן אין לאַנד. כמעט ניינציג פּראָצענט בירגער זענען אַרויס שטימען - 94 פּראָצענט שטימען זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די פּאַרטייען וואָס האָבן ביז דאַן געפירט דאָס לאַנד, וועלכע האָבן געשטיצט די פאַרווע קאָאָפּעראַציע מיט דייטשלאַנד; 2.2 פּראָצענט האָבן געשטימט פאַר אַ פּאַרטיי וואָס האָט געוואָלט אָפּהאַקן די באַציאונגען מיט דייטשלאַנד; און 2.1 פּראָצענט האָבן געשטימט פאַר די נאַצי פּאַרטיי. די ממש נישטיגע שטימע פאַר די נאַצישע פּאַרטיי האָט אויפגעברויזט די דייטשן.

במשך דעם פאָלגענדן זומער האָט די באַפעלקערונג דורכגעפירט סטרייקס און אַנדערע אומרוען, כדי אויסצודרוקן זייער קעגנערשאַפט קעגן די דייטשע אָקופּאַציע.

דורכאויס דעם שווערן יאָר, האָט רעביצין טורנהיים פאַרלוירן איר זיידע, ווען הרה"ח ר' יעקב רובן ע"ה איז נפטר געוואָרן שביעי של פסח תש"ג. די באָבע איז שוין אַוועק פון די וועלט צוויי יאָר פריער, ג' אלול תש"א. זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ ירושה וואָס האָט געהאָלפן די משפחה זיך שפּייזן דורכאויס די קריג יאָרן.

## אויפלעזונג פונעם פּאַרלאַמענט

סוף אב תש"ג האָט דייטשלאַנד געשטעלט אַן אולטימאַטום פאַר די דענישע רעגירונג צו: פאַרבאָטן עפנטליכע פאַרזאַמלונגען; פאַרבאָטן סטרייקס; איינפירן קוירפיוס - נישט צו ערלויבן אַרויסגיין אויפ'ן גאַס ביינאַכט א.ד.ג.; אויפצושטעלן אַ צענזור אין צוזאַמענאַרבעט מיט דייטשע באַאַמטע;

# דעם קעניג׳ס פאַלן פונעם פערד

אַ הויפּט העלד אין דענמאַרק׳ס ווידערשטאַנד זיך געגנצליך אונטערצוגעבן די דייטשע פאַרלאַנגען, איז דער דענישער קעניג קריסטען, פון וועמען רעביצין טורנהיים רעדט מיט אַ שטאַרקע הכרת הטוב, און באַטאָנט אַז די עיקר צרות האָבן פּאַסירט נאָך וואָס ער איז געפאַלן פון פערד.

דער קעניג קריסטען האָט געהאַט אַן איינפיר אַרומצורייטן אין די גאַסן פון קאָפּענהאַגען אויף אַ פערד. די באַפעלקערונג פלעגט אים באַגריסן, און אָפט איז מען אים נאָכגעפאָרן מיט ביציקלעך, געגעבן בלימען און די דענישע בירגער האָבן אויסגעדרוקט זייער ערע פאַר אים.

פון ווען די דייטשן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד, האָט דער קעניג זיכער געמאַכט יעדן צופרי אַרומצורייזן צווישן די בירגער - דערמיט האָט ער דעמאָנסטרירט אַז דענמאַרק האָט נאָך אַ זעלבסטשטענדיגע פירערשאַפט, און אַז ער האָט נישט מורא צו פאָרן אַליין, אָן קיין לייב-וועכטער. דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ העלד פאַר די באַפעלקערונג, און האָט געהאָלפן הייבן זייער מאָראַל און זיי געבן קוראַזש נישט זיך געגנצליך אונטערצוגעבן צו היטלער.

אַ באַוויסטע לעגענדע לויטעט אַז ווען היטלער האָט פאַרלאַנגט אַז די דענישע אידן זאָלן זיך אָנטאָן געלע לאַטעס, האָט דער דענישער קעניג זיך אויך אָנגעטאָן געלע לאַטעס אַלס סאָלידאַריטעט מיט די אידן און האָט גערופן זיין פאָלק אים נאָכצוטאָן. אַזוי ווי גאַנץ דענמאַרק האָט געטראָגן די לאַטעס, איז עס שוין בכלל נישט געווען קיין שאַנד-פלעק אויף די אידישע באַפעלקערונג, און האָט געמאַכט דעם געזעץ נוצלאָז. צומאָרגנס, האָבן די נאַציס צוריקגעצויגן דעם געזעץ.

לויט טייל קוועלער, האָט דער קעניג געזאָלט טראָגן אַ געלע לאַטע אָרעם-באַנד דורכאויס זיין טעגליכע אַרומרייטן אויף אַ פערד אינדערפרי אויף די גאַסן פון קאָפּענהאַגען.

היסטאָרישע קוועלער האָבן נישט קיין באַשטעטיגונג אויף דעם עפּיזאָד, אָבער דאָס איז קלאָר אַז דער דענישער קעניג, אינאיינעם מיט די גאַנצע רעגירונג און באַפעלקערונג, האָבן אַרויסגעוויזן שטאַרקקייט קעגן די דייטשן. קעניג קריסטינ׳ס בלייבן אין לאַנד דורכאויס די קריג - און נישט אַנטלויפן פון די דייטשן אַזוי ווי אַנדערע רעגירונג פירער וועלכע האָבן געזוכט שוץ ווייט אַוועק פון זייער אונטערדרוקט פאָלק - איז אַליין געווען אַ סימבאָל פון קוראַזש פאַר די באַפעלקערונג.

רעביצין טורנהיים זאָגט אַז ס׳ליגט איר נאָך איינגעקריצט דאָס בילד פון אַלס קינד, ווי דער קעניג רייט צווישן מענטשן, וואָס דאָס איז געווען לעגענדאַר צווישן די באַפעלקערונג. די אידן ספּעציעל האָבן געוויסט אַז ״דער קעניג לאָזט נישט צו די אַלע זאַכן״ - די אַנטיסעמיטישע אונטערדרוקונגען. די רדיפות האָבן זיך נישט אָנגעהויבן ״ביז ווען דער קעניג איז נישט אַראָפּגעפאַלן פונעם פערד.״

דאָס אַראָפּפאַלן פון פערד האָט פּאַסירט אָקטאָבער 19, 1942 למספרם, ח׳ חשון תש״ג, עטליכע וואָכן נאָכ׳ן טעלעגראַם קריזיס. דער קעניג איז פון דעם פאַל געוואָרן פּאַראַליזירט, בלייבנדיג אַן אינוואַליד פאַר׳ן לעבן. יענעם יאָר האָט טאַקע היטלער אָנגעהויבן אַרויפצואצווינגען זיין מאַכט און ברוטאַלע האַנט אויף דענמאַרק, און עלף חדשים שפּעטער האָבן זיי צוזאַמענגענומען די פאַרבליבענע אידן אין לאַנד.

לויט ווי רעביצין טורנהיים זאָגט האָט די קעניג׳ס פּאַראַליזירונג געשפּילט אַ ראָלע, אַז ער האָט זיך שוין נישט אַזוי שטאַרק געקענט אַרויסשטעלן באַשיצן די אידן.



דער **קעניג קריסטיען אויף זיין פרימאָרגנדיגן רייטן אויפ׳ן פערד** - דאָס איז געווען אַ קוואַל פון שטאַרקקייט פאַר די באַפעלקערונג

# אחת היתה ופירסמה...

איבער זיבציג יאָר שפּעטער, הייבט אָן רעביצין טורנהיים שתליט"א דער שמועס מיט 'שהחיינו' מיט די ווערטער פון הכרת הטוב, 'איך בין אַ דענישער', געדענקנדיג דער חסד וואָס איז געטאָן געוואָרן פאַר איר און טויזנטער אידן אין לאַנד.

די געשיכטע צייגט אַז אין דעם מבול פון רשעות, אכזריות און רציחות, האָט איין פאָלק זיך געקענט אַרויסשטעלן און זאָגן 'ניין!' מיר וועלן עס נישט צולאָזן. נישט בלויז האָבן זיי נישט מיטגעאַרבעט מיט די רציחות, נאָר זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט און באַוויזן אָפּצושטעלן דעם צר הצורר פון אויספירן זיינע טייוואָנישע פּלענער אין זייער לאַנד.

דער קוראַזשפולער, העלדישער ביישפּיל, איז ליידער אָבער בלויז פון די איינצעלנע פעלער וואו אַ פאָלק האָט זיך אַרויסגעשטעלט ראַטעווען די אידישע בירגער. דאָס איז פאַרוואָס די געשיכטע איז אַזוי באַוויסט, ווייל דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט פון ליכטיקייט אין די פינסטערע תקופה.

דאָס איז אַ תביעה צו אַלע אַנדערע פעלקער וואָס זענען געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, און על פי רוב איז עס געווען מער ווי דעם - זיי האָבן געהאַט אַן אַקטיווע ראָלע אַרויסהעלפנדיג די נאַציס אין די שוידערליכע מאַסן מאָרדן און דעפּאָרטאַציעס. זייער טענה אַז זיי זענען געווען געצווינגען, זיי האָבן גאָרנישט געקענט טאָן נאָר האָבן געמוזט אויספאָלגן באַפעלן, ווערט אָפּגעפרעגט פון דעם דענישן ביישפּיל, וואָס צייגט אַז אַ פאָלק וואָס האָט געוואָלט האָט געקענט אָפּשטעלן דעם צר הצורר און באַשיצן אירע אידישע בירגער - ארץ ארץ אל תכסי את דמם!

אַוועקשטעלן ספּעציעלע דייטשע מיליטערישע געריכטן; און מ'זאָל איינשטעלן דעם טויט שטראָף פאַר סאַבאָטאַזש אַקטן.

די דענישע רעגירונג האָט אַנטזאָגט אויסצופאָלגן די דייטשע פאַרלאַנגן. כ"ח אב האָט דייטשלאַנד באַשלאָסן אויפצולעזן די דענישע רעגירונג, און איינצושטעלן 'מאַרשאַל געזעץ' - דאָס הייסט אַן אויסנאַמס צושטאַנד אין וועלכע די געסטאַפּאָ און דייטשע מיליטער רעגירט.

דער דענישער קעניג האָט אַנטזאָגט צו אַנערקענען די אויפלעזונג פונעם פאַרלאַמענט, און פאַקטיש זענען די מיניסטאָרן געבליבן מיט אַ טייל פון די רעגירונג ווירטשאַפט, אָבער די דייטשן האָבן געפירט דאָס לאַנד און געהאַט די דעה איבער זיי. די געסטאַפּאָ האָט אויך איבערגענומען די פּאָליציי קרעפטן און מיליטער.

## דער פּלאַן צו דעפּאָרטירן די אידן

ט' אלול האָט דער עס.עס. גענעראַל אין דענמאַרק, ווערנער בעסט, געשיקט אַ טעלעגראַם צו היטלער פאָרשלאָגנדיג צו דעפּאָרטירן אַלע דענישע אידן. ניין טעג שפּעטער האָט דער צורר היהודים באַשטעטיגט דעם פּלאַן.

ווערנער בעסט האָט מיטגעטיילט זיינען פּלענער פאַר געאָרג פערדינאַנד דוקוויטץ, אַ דייטשער מיטגליד אין די עס.עס. וועלכער איז געווען אַן עקספּערט אין אינטערנאַציאָנאַלע האַנדל, ספּעציפיש מיט קאַווע בונדלעך. ער האָט געהאַט אַ דיפּלאָמאַטישע פּאָזיציע אין די דייטשע אַמבאַסאַדע אין דענקמאַרק, הויפּטזעכליך פאַרפיגנדיג אויף שיף-עקספּאָרט אָנגעלעגנהייטן.

לויט היסטאָריקער איז דוקוויטץ געוואָרן אויס אָנהענגער אין די נאַציס נאָכן זיך באַקענען מיט זייערע ברוטאַליטעטן און בלוט-דורשטיקייט. הערנדיג פון די דעפּאָרטאַציע פּלענער, איז ער געפאָרן קיין בערלין עס פּרובירן אָפּצושטעלן. ער איז דאָרט געוואויר געוואָרן אַז עס האָט שוין היטלער'ס שטעמפּל, וואָס האָט באַדייט אַז עס איז לאחר המעשה.

דוקוויטץ האָט דאַן פּרובירט צו פועל'ן ביי די שוועדישע רעגירונג אַריינצונעמען די אידן פון דענמאַרק, אָבער שוועדן האָט געזאָגט אַז זיי וועלן בלויז אָננעמען די אידן אויב דייטשלאַנד גיט די באַשטעטיגונג אַהין צו טראַנספּערירן די אידן - וואָס איז זעלבסט-פאַרשטענדליך נישט געקומען אין באַטראַכט.

סעפּטעמבער 28, כ"ח אלול, האָט היטלער געגעבן די ענדגילטיגע באַשטעטיגונג צונויפצוזאַמלען אַלע אידן, און דאָס האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן אָקטאָבער 1, דער צווייטער טאָג ראש השנה.

בעסט האָט מודיע געווען דוקוויטץ וועגן דעם פּלאַן - ווי עס הייסט האָט בעסט אויך באַקומען קאַלטע פיס, מורא האָבנדיג אַז די דענישע בירגער וועלן רעוואָלטירן קעגן די נאַציס, און ער האָט אַמווייניגסטענס געוואָלט שפּילן אויף ביידע זייטן כדי צו קענען אַראָפּוואַרפן דעם שולד פון זיך. דוקוויטץ האָט איינגעמאָלדן די להשמיד להרוג פּלענער פאַר דענישע רעגירונג באַאַמטע, וועלכע האָבן דאָס איינגעמאָלדן פאַר די דענישע פאַרטיזאַנער און די אידן.

## ערב ראש השנה: מ'רופט אויס אין די שולן אַז מ'דאַרף זיך ראַטעווען

די ידיעה איז אָנגעקומען צו די פירער פונעם דענישן אידענטום אַ נאַכט בעפאָר ערב ראש השנה. קומענדיגן צופרי, ווען מ'איז זיך צוזאַמענגעקומען צו סליחות, האָט מען איינגעמאָלדן אין די שולן פאַר אַלע אידן אַז מ'דאַרף זאָפאָרט הייבן פיס און זיך באַהאַלטן פון די ביטערע גזירה.

די דענישע באַפעלקערונג און דער אונטערגרונט האָבן אין איילעניש

אַראַנזשירט באַהעלטענישן פֿאַר די אידישע בירגער - וועלכע האָבן זיך געציילט ביי נאָנט צו 8,000 - ווילאַנג מ'וועט זיי קענען אַרויספירן פון לאַנד. אידן זענען באַהאַלטן געוואָרן ביי דענישע פאַמיליעס, שפּיטעלער און נאָך ערטער. אין די זעלבע צייט האָט מען אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן מיטלען זיי צו שמוגלען קיין שוועדן דורכ'ן קליין טייכל וואָס האָט אָפּגעטיילט די צוויי לענדער.

## שוועדן עפנט אירע טויערן פאַר די אידן

ווי געזאָגט פריער האָט שוועדן אָריגינעל נישט געוואָלט עפענען אירע גרעניצן פאַר אידן, אָבער אין סעפּטעמבער 31 האָט דער שוועדישער אַמבאַסאַדאָר קיין קאָפּענהאַגען באַקומען אַ אָפּיציעלער באַפעל אַרויסצוגעבן שוועדישע פּאַספּאָרטן פאַר די אידן כדי צו קענען אַנטלויפן קיין שוועדן. אָקטאָבער 2 האָט שוועדן עפנטליך געמאָלדן אַז זיי זענען גרייט אַריינצונעמען אַלע אידן פון דענמאַרק.

צווישן די וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אַז שוועדן זאָל אַריינגעמען די דענישע אידן איז געווען דער דענישער וויסנשאַפּטלער און אַטאָם פאָרשער ניעלס באָהר, וועלכער איז געבוירן צו אַ אידישע מאַמע. אין יענע טעג איז באָהר געקומען קיין שוועדן, און די שוועדישע רעגירונג האָט אים געבעטן ער זאָל זאָפאָרט פאָרן צו די פאַראייניגטע שטאַטן אַרויסצוהעלפן מיט'ן מאַנהעטן פּראָיעקט - די העכסט געהיימע אונטערנעמונג צו ערצייגן אַן אַטאָם באָמבע.

באָהר האָט אָבער געזאָגט אַז ער גייט נישט בעפאָר ער רעדט צום שוועדישן קעניג. ביי זיין אוידיענץ מיט'ן שוועדישן קעניג האָט ער געזאָגט אַז ער גייט נישט אין ערגעץ ביז די שוועדישע רעגירונג מעלדט נישט אויף די ראַדיאָ כוואַליעס אַז זי עפנט אויף אירע טויערן פאַר די אידישע פליטים. אָקטאָבער 2 האָט די שוועדישע רעגירונג געמאַכט די מעלדונג, וואָס האָט געגעבן אַ מקום מקלט פאַר די דענישע אידן.

## תש"ד דעפּאָרטאַציע און רעטונג פון דענישן אידענטום

## "דער טאַטע איז אַהיימגעקומען אַז מ'דאַרף אַנטלויפן"

דערציילט רעביצין טורנהיים: "ס'זענען געווען צוויי אידישע שולעס. אונזער איז געווען די פרומע, אָבער אין די אַנדערע האָט מען אויך געלערנט אידישקייט. די שולעס זענען געווען אָפען ביז ממש ערב ראש השנה - עס ליגט מיר נאָך אין זכרון ווי איך האָב דאָרט גענייעט אַ קלייד פאַר מיין אינגערע שוועסטער."

די שולעס האָבן זיך צוגעמאַכט ערב ראש השנה - ס'איז געווען אַ מיטוואָך. "מ'האָט אַהיימגעשיקט די טאַטעס פון שול. דער טאַטע איז אַהיים געקומען און געזאָגט אַז מ'האָט געהייסן מ'זאָל שוין אַהיימגיין ווייל מ'דאַרף אַנטלויפן. מיר זענען אַראָפּ צום ערשט אין בעיסמענט. איך געדענק אַז דער טאַטע האָט געהאַט אַ טאַשקע מיט חלבים, וואָס ער האָט מיטגענומען," דערציילט רעביצין טורנהיים פאַר 'שהחיינו' אירע זכרונות פון אַלס קליין מיידל.

משפחת פוקס האָט זיך באַהאַלטן אין קעלער ערב ראש השנה און ראש השנה ביינאַכט. ביינאַכט האָט



**אַ פישער שיף אַריבערפירנדיג אידן קיין שוועדן**

Photo Credit: Museet for Danmarks Frihedskamp



די **לורי פעקס שיף** וואָס איז גענוצט געוואָרן אַריבערצופירן אידן קיין שוועדן

Photo Credit: US Holocaust Memorial Museum

געהערשט אַ קוירפֿיו, און מ'האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין. מ'האָט זיך שנעל צוזאַמענגעפּאַקט די וויכטיגסטע זאַכן צו מאַכן גרייט צו לויפֿן צו די קומענדיגע סטאַנציע, וויסנדיג אַז דעם קומענדיגן טאָג וועלן די נאַציס זיך נעמען זיי זוכן.

## מען אַנטלויפֿט צום דאָרף

צוליב פּיקוח נפש, איז ראש השנה בייטאָג געקומען אַ גוי'אישער איינוואוינער זיי אָפּפֿירן אין דאָרף וואו דעם טאַטע'נס ברודער האָט געהאַט אַ הויז. דער דרייוואָער האָט נישט גענומען קיין געלט, באַטאָנט רעביצין טורנהיים. הפּנים, ער איז געווען צווישן די פּילע דענישע בירגער וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די אַקציע צו ראַטעווען די אידן, וואָס אַסאַך טעקסיס האָבן דאַן געפֿירט אידן אָן אַפּילו נעמען באַצאָלט.

די משפחה האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין דאָרף פּאַר עטליכע טעג. נאָך שבת, זענען די עלטערן צוריקגעפֿאָרן אין שטאָט זען וואָס טוט זיך. די קינדער האָבן געוואַרט אַ גאַנץ טאָג, און אויך נאָכ'ן נאַכט אָנקום, אַז די עלטערן זאָלן זיך צוריקקערן. מ'האָט געציילט די מינוטן מיט אַנגסט, צי ס'האָט זיי חלילה נישט פּאַסירט קיין שלעכטס.

ווען די עלטערן זענען אָנגעקומען האָבן זייערע געזיכטן שוין אָנגעזאָגט גאָר שלעכטע בשורות. דער טאַטע איז פֿון דאָרט צוריקגעקומען אָן קיין באָרד - ס'איז שוין געווען קלאָר אַז ס'איז אַ סכנה מ'זאָל דערקענען אַ איד אין גאַס, און זיי זענען געווען פּאַרטרויערט. מ'האָט נאָכנישט געוויסט פּונקטליך וואָס ס'האָט פּאַסירט, אָבער זיי האָבן געהערט אַז דעם נאַכט פֿון צווייטן טאָג ראש השנה האָט מען פֿאַרכאַפּט די קליינע צאָל אידן וואָס זענען געבליבן אין שטאָט - צווישן די פֿאַרכאַפּטע איז געווען די מאַמע'ס ברודער און זיין משפחה.

די דייטשן האָבן דעמאָלט פֿאַרכאַפּט אַרום 500 אידן, אָבער די דענישע רויטע קרייץ האָט זיך אַריינגעלייגט זיי צו העלפֿן און האַלטן אַן אויג אויף זייער מצב, און זיי שיקן פּעקלעך. צוליב דעם, האָבן די דייטשן זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט, און זיי בעסער באַהאַנדלט ווי אַלע אַנדערע אידישע פֿליכטלינגען, נישט וועלנדיג אַז די וועלט זאָל באַקומען אַ קלאָרער בילד וואָס זיי טוען פּאַר די אידן אין די לאַגערן, און אויך אַז די דענישע באַפֿעלקערונג זאָל נישט רעוואָלטירן צוליב די באַהאַנדלונגען פֿון זייערע בירגער.

בעת מ'האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין דאָרף, האָט מען געמאַכט בילדער פֿון אַלע זעקס קינדער - קיינער האָט נישט געוויסט וואו מ'וועט אָנקומען, און מ'האָט וואַרשיינליך געוואָלט האָבן די בילדער אַלס אָנדענק כדי צו קענען אידענטיפֿיצירן די קינדער שפּעטער. מ'האָט געכאַפּט בילדער פֿון אַלע צוזאַמען, און פֿון יעדן באַזונדער. רעביצין טורנהיים האַלט דעם בילד זייער טייער, און האָט אונז געצייגט דעם בילד ביים שמועס מיט 'שהחיינו' ביי איר אינדערהיים.

אָנהייב וואָך איז מען אַריבער זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ געוויסן פּראָפֿעסאָר אין בוידעם, אָבער דער טאַטע האָט איינגעזען אַז די גאַנצע משפחה וועט נישט קענען בלייבן דאָרט. ער האָט באַשלאָסן מקיים צו זיין די עצה פֿון יעקב אבינו - ויחץ את העם אשר אתו - און צום ערשט טרעפֿן אַ בעסערע באַהעלטעניש פֿאַר טייל פֿון די קינדער. ער האָט זיך דאַן געוואָנדן צו די פּירערשאַפֿט פֿון היימען פּאַר דענישע יתומים, וועלכע האָבן איינגעשטימט צו קוואַרטירן די קינדער, און פֿאַרהוילן זייער אידישן אָפּשטאַם.

## ויחץ: רעביצין טורנהיים און צוויי געשוויסטער געשיקט צו יתומים היים

דעם קומענדיגן דינסטאָג, עשרת ימי תשובה, האָבן אונזערע עלטערן זיך געזעגנט פֿון אונז מיט הייסע טרערן. די משפחה האָט זיך צוטיילט - יוסף צבי, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ בר מצוה בחור'ל, און שמחה בונם, וועלכער איז געווען דער צווייטער קינד, און דאָס אינגסטע קינד, רות (אלמנת הרב ר' יצחק ראזענפֿעלד ע"ה פֿון באָראָ פּאַרק - רעביצין טורנהיים תליט"א באַטאָנט אַז ער איז געווען דער ערשטער אויפֿצושטעלן בדיקת שעטנז אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן) קוים דריי יאָר אַלט, זענען געבליבן מיט די עלטערן.

רעביצין טורנהיים - דאַן אַ מיידל פֿון אַרום צען יאָר - איר אינגערע ברודער אַרי' לייב און די זעקס יעריגע ראַכל, האָבן זיך געזעגנט פֿון די משפחה און געמאַכט



בילד פֿון שיף וואָס פֿירט אידן פֿון דענמאַרק קיין שוועדן

Photo Credit: Museet for Danmarks Frihedskamp



דאָס בילד וואָס מ'האָט גענומען פון **די פוקס קינדער בעפאָר אַנטלויפן פון דענמאַרק**: לינקס איז **הרה"ח ר' יוסף צבי שליט"א** (לאָנדאָן), און להבחל"ח די ברידער **ארי' לייב** און **שמחה בונם** עליהם השלום.

גרייט זיך אַליין אַרויסצולאָזן אויף דער וועלט זיך צו ראַטעווען פון די דייטשע רשעים. מ'האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי דאַרפן געדענקן אַז זיי הייסן נישט פוקס, נאָר 'יענסאָן'. אויך די ערשטע נעמען האָט מען געטוישט. רעביצין טורנהיים האָט באַקומען דעם נאָמען 'מאַיאַ', אַנשטאָט מרים, איר ברודער, ארי' לייב, האָט געדאַרפט הייסן 'לואי', און דאָס אינג מיידל ראַכל איז געווען 'בענטאָ'.

דערציילט רעביצין טורנהיים: מ'האָט מיך גענומען, מיט מיין קליינעם אַכט יעריגן ברודער, און מיין זעקס יעריגע שוועסטער און מ'האָט אונז אַרויפגעזעצט אויף באַנען, און דערנאָך אויף שיפן. רעביצין טורנהיים נעמט דאָ אַרויס פון צווישן אירע דאָקומענטן אַ גרויסע מאַפּע פון דענמאַרק, שפּרייט עס אויס אויפ'ן טיש, און ציגט אונז אָן 'אלה מסעי', פּונקטליך ווי אַזוי מ'איז געפאָרן.

קוקנדיג אויף די מאַפּע, איז דענמאַרק הויפּטזעכליך איינגעטיילט אין דריי טיילן וואָס זענען אָפּגעטיילט מיט וואַסערן:

1) דער זעלאַנד אינזל, וואו איבער פערציג פּראָצענט פון דענמאַרק וואוינט. קאָפּענהאַגען געפונט זיך אויף דעם אינזל, און איז אויפ'ן מזרח זייט פון דענמאַרק.

עס איז אויפ'ן ברעג פונעם רעזונד טייך. ווען מ'שווימט אַריבער די 26 מייליגע ברייטקייט פון די טייך צום באָרטן קעגן איבער קומט מען אָן צו די שטאָט מאַלמאָ, אין שוועדן.

2) מער צו מערב איז דער 'פונען' אינזל, וואו עס וואוינען אַרום אַ האַלב מיליאָן מענטשן.

3) אויפ'ן מערב זייט פון דענמאַרק איז דער דזשוטלאַנד האַלב אינזל. דענמאַרק האָט דעם אויבערשטן צפון טייל פון די טעריטאָריע, בעת דער אונטערשטער, דרום טייל דערפון איז דער דייטשער שלעזוויג ראַיאָן.

ווי געזאָגט האָבן די אידן געאַרבעט זיך צו ראַטעווען פון קאָפּענהאַגען צו שוועדן. וויבאַלד עס איז דאָרט געווען געפאַרפול אַריבערצופאָרן מיט אַ שיף, צוליב די דייטשן וואָס האָבן באַוואַכט די געגנט, האָט מען דערווייל באַשלאָסן אָפּצושיקן רעביצין טורנהיים און אירע צוויי געשוויסטער טיפער אַריין אין דענמאַרק, צו נייבאָרג, וואָס געפינט זיך ביים מזרח עק פונעם 'פונען' אינזל. אין יענע געגנט האָבן זיך געפינען ווייניגער אידן און די דייטשן האָבן דאָרט נישט אַזוי שטאַרק געזוכט פאַר אידישע קינדער.

רעביצין טורנהיים ציגט אונז אַז אָנצוקומען אַהין זענען זיי ערשט געפאָרן מיט אַ באַן, אַריבער די יבשה צום אַנדערן עק פונעם זעלאַנד אינזל. דערנאָך האָט מען גענומען אַ שיף, אַריבער קיין נייבאָרג, וואו זיי זענען געוואָרן איינקוואַרטירט אין אַ יתומים היים. זיי זענען געפאָרן מיט אַ גרויסן עולם - 40-50 מענטשן.

מיר זענען געווען צווישן גוים, אָבער איך האָב געוויסט אַז: "איך בין אַנדערש - איך בין אַ אידיש קינד," דערציילט רעביצין טורנהיים אירע געפילן ביים אָנקומען. זיי האָבן אָבער זיך געדאַרפט זייער היטן אַז מ'זאָל נישט וויסן אַז זיי זענען אידן. בלויז דער הויפּט דאָקטאָר פונעם היים האָט געוויסט פונעם סוד.

צו געדענקן זייער אָפּשטאַם און זיך האַלטן ביי אידישקייט, דערציילט רעביצין טורנהיים אַז זי מיט די אינגערע געשוויסטער האָבן יעדע נאַכט געלייענט קריאת שמע צוזאַמען. באַמערקנדיג ווי זיי מורמלען זיך אונטער, האָט אַ נוירס געפרעגט איז שוועסטער, ראַכל-בענטאָ, וואָס זי רעדט. "זי רעדט צום אייבירשטען," האָט זי געענטפערט מיט אַ פעסטע אמונה.

יום כיפור איז געווען שבת, און טראָץ איז אינגן עלטער האָט רעביצין טורנהיים באַשלאָסן צו פאַסטן. אין די שווערע אומשטענדן, האָט זי געוואָלט זיכער מאַכן אַז זי טוט וואָס מעגליך זיך צו האַלטן ביי אידישקייט צווישן די גוים. איר ברודער ארי' לייב האָט זי געזאָגט אַז אפילו ער קען נישט פאַסטן זאָל ער פּראָבירן צו עסן וואָס ווייניגער.

נאָך עטליכע טעג, האָט דער אויפזעער פון די יתומים היים באַשלאָסן אַז מ'קען זיי מער נישט האַלטן. דאָס קריאת שמע ליינען, און דאָס וואָס די קינדער האָבן צומאָל געשטאַמעלט מיט די נעמען און אָנגעהויבן זאָגן די אידישע נעמען, האָט באַאומרואיגט דעם אויפזעער אַז מ'וועט זיי כאַפּן אַז זיי באַהאַלטן אויס אידן. ווי אויך, האָבן זיך געפינען דאָרט נישט-אידישע קינדער פון קאָפּענהאַגען וועלכע די פוקס קינדער האָבן דערקענט, און ס'איז געווען אַ סכנה אַז זיי זאָלן זיי אויך דערקענען און אַרויסגעבן דעם סוד. דעריבער האָט די פאַרוואַלטונג

אַראַנזשירט אַז מ'זאָל זיי וואָס פּריער אַוועקפירן פון דאָרט.

## די קינדער ווערן צוריקגעשיקט קיין קאָפּענהאַגען

נאָך אַכט טעג אין דעם יתומים היים, האָבן די פוקס קינדער באַקומען דעם באַפעל זיך גרייט מאַכן צום פאָרן און זיך צוזאַמענפאַקן דאָס ביסל האָב און גוטס.

זיי זענען געפירט געוואָרן צו באָרטן, וואו אַ פישער שיף האָט זיי אָפּגענומען צוריקצופאָרן קיין קאָפּענהאַגען. דער שיף איז געפאָרן אַגאַנצע נאַכט - פון צען אַזייגער ביינאַכט ביז זיבן אַזייגער אינדערפרי. ס'איז שוין געווען אַ געפערליכע סכנה צו זיין סיי וואו אין די הויפּטשטאָט, וויבאַלד די דייטשן האָבן געלאָקערט נאָך אידן. מ'האָט זיי דעריבער איינגעפירט אין אַ שפּיטאָל, און אַ ספּעציעלע אָפּטיילונגען וואו די נויסעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן. די דייטשן זענען דעמאָלט אַוועקגעשטאַנען פון שפּיטעלער אין דענמאַרק, און דאָס איז אויסגענוצט געוואָרן אַלס מקום מקלט ביז מ'וועט קענען מאַכן דעם וועג אַרויס אויף דער פריי.

ווי געזאָגט, זענען די טייך ברעגעס נעבן קאָפּענהאַגען שטרענג באַוואַכט געוואָרן, דעריבער האָט מען אויסגעאַרבעט זיי אַראָפּצופירן צום דרום זייט פונעם זעלאַנד טייל פון דענמאַרק, און פון דאָרט האָבן זיי געזאָלט נעמען דעם לענגערן וועג צוריק קיין שוועדן.

מיטוואָך נאַכט איז געפאַלן די ערשטע נאַכט סוכות. מ'האָט דעמאָלט גענומען אַלע פּליטים, זיי אַרויפגעשטעלט אויף באַנען קיין דרום דענמאַרק. די באַנען זענען געווען פיל מיט דייטשע אָפיצירן, און זיי האָבן געציטערט אַז זיי זאָלן נישט כאַפּן די צענדליגער אידן וואָס זענען דאָרט געפאָרן, אָבער ב"ה ס'איז דורכגעגאַנגען בשלום.

פון די באַן סטאַנציע האָבן זיי אָפּגעוואַרט פערד און וועגנער, וועלכע האָבן זיי געפירט צו אַ וואַלד נעבן די טייך וואו זיי האָבן געוואַרט אויפ'ן שיף וואָס וועט זיי פירן קיין דענמאַרק. אינמיטן דער נאַכט האָט מען באַקומען די מעלדונג אַז דער שיף איז אָנגעקומען, און מ'האָט זיך אַרויסגעלאָזט, קריכנדיג אין וואַסער ביז'ן אויפשטייגן אויפ'ן שיף.

ווי רעביצין טורנהיים דערציילט איז דאָס געווען דער לעצטער שיף אַרויסצוציען פון דענמאַרק מיט אידן, ענדיגנדיג די באַרימטע אַקציע אין וועלכע דער גרעסטער רוב פונעם דעניש אידענטום זענען ב"ה געראַטעוועט געוואָרן פונעם צר הצורר.

## קאַפּיטאַן אָפּגעשטעלט פון פאָרן קיין דייטשלאַנד

קורץ נאָך וואָס דער שיף האָט אָפּגעאַנקערט פון באָרטן און זיך גענומען אָפּצוריייזן, איז ענטשטאַנען אַ בהלה, דערציילט רעביצין טורנהיים.

איינער פון די רייזער האָט באַמערקט אַז אַנשטאָט פאָרן צו מזרח און אַרויף צו צפון, צום ריכטונג פון מאַלמאָ, שוועדן, רוקט זיך עפּעס דער שיף די פאַרקערטע ריכטונג טיפער אַריין אין די דעניש וואַסערן אין אינעם ריכטונג צו דייטשלאַנד. מ'האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום קאַבינע פון קאַפּיטאַן, וואָס ווי עס שיינט האָט ער געהאַט בייזוויליגע פלענער, אַריבערצופירן די אידן צו די דייטשן ח"ו, אָדער האָט ער געוואָלט אַרויספּרעסן פון זיי געלט.

עטליכע פון די רייזער האָבן זיך צוגעשטעלט צום קאַפּיטאַן און קלאָר געמאַכט אַז אויב דער שיף דרייט זיך נישט אויס צו די אַנדערע ריכטונג וועט ער נישט גוט אָפּשניידן. אָן קיין ברירות האָט ער צוריקגעקערט דעם שיף צו די אָריגינעלע רייזע-פּלענער. במשך די



אידן אָנקומענדיג קיין שוועדן ביים זיך **רעגיסטרירן פאַר שוועדישע בירגערשאַפט**

Photo Credit: YIVO Institute for Jewish Research, New York

רייזע האָט מען צוגעשטעלט מענטשן צו האַלטן אַן אויג אויף וואָס דער קאַפּיטאַן, זיכער צו מאַכן אַז ער פאַרראָט זיי נישט און דער שיף פאָרט טאַקע קיין מאַלמאָ.

אַדאַנק די אויפפּאַסונג פון אַ רייזער זענען זיי ב”ה ניצול געוואָרן פון אַריינגעפירט ווערן צו די רשעים אין די הענט.

## אין שוועדן: מיר קענען זיך שוין רופן מיט די אידישע נעמען

אינדערפרי האָט דער שיף געאַנקערט אין שוועדן. ווען זיי האָבן געהערט אויסרופן ”ווילקאָמען קיין שוועדן,” האָבן זיי געדאַנקט השי”ת אַז זיי זענען שוין אָנגעקומען אויף אַ זיכער אָרט.

ווען דער קליינדער ברודער האָט געהערט אַז מ’איז שוין אויף דער פריי, האָט ער צום ערשט געפרעגט: ”מיר קענען זיך שוין רופן מיט אונזערע אידישע נעמען?”

”אודאי,” האָט רעביצין טורנהיים געענטפערט.

מ’האָט זיי אַלע געפירט צו אַ שולע אין שטאָט. רעביצין טורנהיים האָט דערמאַנט די געשוויסטער אַז עס איז יום טוב, און מ’האָט בלויז געמעגט פאָרן צוליב פיקוח נפש, אָבער איצט טאָר מען חלילה נישט טאָן קיין מלאכה.

מ’האָט דאַן דורכגעפירט אונטערזוכונגען אויף אַלע וואָס זענען אָנגעקומען, און די וואָס עס האָט גאָרנישט געפעלט האָט מען געשיקט ווייטער. ארי’ לייב און ראַכל האָט מען שפּעטער געפירט צו אַ פּייער סטאַנציע אין מאַלמאָ, אָבער רעביצין טורנהיים האָט געליטן פון אַ פּאַרקילעכטס און פיבער, דעריבער האָט מען איר געהאַלטן ביז נאָך שבת אין די שולע. במשך די עטליכע טעג האָט זי בלויז געגעסן ברויט, רויע פרוכט און גרינצייג, האַלטנדיג זיך שטרענג חלילה נישט צו נעמען עפּעס אַנדערש אין מויל.

זונטאָג האָט מען איר אויך געשיקט ווייטער קיין מאַלמאָ, וואו מ’האָט איר קוואַרטירט אין אַ פּייער סטאַנציע וואו אירע צוויי געשוויסטער האָבן זיך שוין געפינען. דאָס איז געווען שעות ווייט פון שטאָקהאָלם, וואו די עלטערן האָבן זיך געפינען.

## פאַראייניגט מיט די עלטערן

נאָך עטליכע טעג זענען זיי אויך געשיקט געוואָרן קיין שטאָקהאָלם, וואו דער פאָטער האָט זיי אָפּגעוואַרט ביים באַן. זיי זענען געוואָרן פּלאַצירט אין אַ אַלטען היים, וואו די גאַנצע משפחה האָט זיך אַריינגעשטופּט אין אַנדערהאַלבן צימערן. די שוועדישע אידן האָבן זיי געהאָלפן צו האָבן צום לעבן.

זיי זענען דאַן געגאַנגען לערנען אין די אַלגעמיינע שולע. טראָץ וואָס זיי זענען געווען פרעמדע קינדער און מ’האָט זיי געטשעפּעט, איז דאָס דאָך געווען אַ גן עדן קעגן די שבעה מדורי גיהנום און השמדיות וואָס אידן אין אַנדערע ערטער אין אייראָפּע האָבן דורכגעמאַכט.

דער טאַטע האָט אויך געטראָפן אַ שטעלע, אַלס שוחט, ברענגנדיג עפּעס חיונה און אַרויסהעלפענדיג די דאָרטיגע אידישע באַפעלקערונג מיט כשר’ס.

נאָך די קריג | צוריק קיין קאָפּענהאַגען

## צוריק קיין קאָפּענהאַגען ביז’ן אויפשטעלן אַ הערליכע משפחה קע”ה

ווען די קריג האָט זיך געענדיגט, זומער תש”ה, האָט די משפחה, אַזוי ווי פילע אידישע משפחות פון דענמאַרק, זיך צוריקגעקערט אַהיים וואו דער פאָטער איז צוריק געוואָרן שוחט. רעביצין טורנהיים דערציילט אַז דער אייגעטומער פון די הויז וואָס זיי האָבן געדינגען אין קאָפּענהאַגען, האָט זיי אַוועקגעלייגט זייער פאַרמעגן - ווען ער האָט פאַרדינגען די דירה פאַר אַ צווייטן - און זיי אָפּגעגעבן זייער האָבן און גוטס ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט.

נאָכמער דערציילט זי ווי די נישט-אידישע באַפעלקערונג האָט זיך אויפגעפירט מיט רחמנות און גוט-האַרציקייט צו די שכנים, אַז ווען די מאַמע האָט געשיקט אַ בריוו צו אַ שכינה אינמיטן די קריג זי זאָל איר נאָכשיקן עטליכע וויכטיגע זאַכן, האָט יענע עס איר געשיקט אינאיינעם מיט אַ פריינטליכן בריוו פון פיר בלעטער. אין די ענדע פון די בריוו בעט זי רשות צי איר טאָכטער מעג זיך שפּילן מיט אַ דאַלי און וועגעלע וואָס די פוקס פאַמיליע האָט פאַרמאָגט. זי פאַרשפּרעכט צו היטן דערויף און עס אָפּקערן ווען זיי קומען אַהיים.

אויך די ספרי תורה פון די שולן זענען באַהאַלטן געוואָרן און אָפּגעגעבן געוואָרן אומבאַרירט. אידן וואָס האָבן געהאַט אייגענע הייזער, האָבן געטראָפן זייערע טישן געדעקט אַזוי ווי זיי האָבן עס איבערגעלאָזט ערב ראש השנה, אומבאַרירט.

## מ’ראַטעוועט אידישע קינדער

נאָך די קריג, האָבן זיך אין דענמאַרק געפינען אַסאַך פליטים וואָס זענען אַנטלאָפן פון די באָמבאַרדירונגען אין דייטשלאַנד, בעיקר דייטשע פרויען. מ’האָט זיי אַריינגעשטעלט אין שולעס

**9:00 AM** to **12:00** PM

**718.643.9700**
*Fax:* 718.819.1817

**ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**

## פאָלגענד זענען די עקסטענשאָנס צו אונזערע דעפּאַרטמענטס
כדי איר זאָלט אייך קענען פאַרבינדן מיט זיי שנעל און באַקוועם:

## Services for Seniors and Disabled

| Service | Extensions |
|---|---|
| Medicaid for Seniors | ☎ 206, 209, 210, 228 |
| Medicare Saving Program, Secondary Insurance, EPIC | ☎ 206, 210, 228 |
| Medicaid Spenddown | ☎ 206, 209, 210, 228 |
| Transportation | ☎ 235 |
| MLTC – Managed Long Term Care | ☎ 206, 210, 205, 241 |
| Medicare & Part D | ☎ 206, 210, 228 |
| Pool Trust | ☎ 206, 209 |
| Social Security, SSI, SSD | ☎ 206, 209, 210, 228 |
| Home Care, CD Pap | ☎ 241, 205 |
| Power of Attorney, Health Proxy | ☎ 206, 209, 210 |

## Services for Holocaust Survivors

| Service | Extensions |
|---|---|
| Compensation Services from Claims Conference | ☎ 224, 235 |
| Homecare, Housekeeping and Transportation | ☎ 205, 217 |
| Emergency Financial Assistance | ☎ 211 |
| Meals on Wheels | ☎ 244 |

## General Services

| Service | Extensions |
|---|---|
| Food Stamps | ☎ 202, 213, 218, 207 |
| Housing & Section 8 | ☎ 208, 203 |
| Workforce Development | ☎ 227 |
| Immigration Assistance | ☎ 222 |
| Legal Assistance | ☎ 216 |
| Unemployment | ☎ 206, 209 |
| HEAP, Energy Share, Empower | ☎ 223 |
| Medicaid & HMO Issues | ☎ 205, 241 |
| Pusoach | ☎ 243 |
| Special Ed & Children Services | ☎ 231 |
| Family Crisis Intervention | ☎ 211, 205 |
| Medicaid, Child Health Plus, Marketplace Insurance (Including Exemption Authorizations) | ☎ 202, 213, 214, 218, 207 |

# דער אָפיס וואָס שטייט אייך גרייט צו באַדינען פאַר

## איבער אַ יובל (50) יאָר!

**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**

אין די יו.דזשעי.אָ. אָפיסעס קענט איר **אַפּלייען** און **רעסערטיפייען** פאַר **אַלע רעגירונג הילף פּראָגראַמען** און נאָך, אָן זיך דאַרפן שלעפּן אין שטאָטישע אָפיסעס.

Monday to Thursday
**9:00 AM** to **5:00** PM
(Last appointment starts at 4:00 PM)

Friday
**9:00 AM** to **12:00** PM

**32 Penn Street**
Between Wythe Ave. & Kent Ave.

**718.643.9700**
*Fax:* 718.819.1817

און זיי געהאַלטן אַפּגעזונדערט, און נישט געלאָזט זיך אויסמישן מיט די באַפעלקערונג. דערציילט רעביצין טורנהיים תחי' אַז אַ קורצע צייט נאָכ'ן זיך צוריקקערן אַהיים, האָט די מאַמע געזאָגט, לאָמיר גיין זען אויב צווישן די פליטים געפינען זיך נישט קיין אידן.

גייענדיג נעבן די שולעס, האָבן זיך אַסאַך פון די דייטשע פרויען זיך געשטופּט צו די גראַטעס, וואָס מ'האָט געהאַט פאַרשלאָסן זיי זאָלן נישט קענען מאַכן פליטה, און זיך געבעטן פאַר אַביסל עסן. האָט די מאַמע באַמערקט מיידלעך וואָס שטופּן זיך נישט, נאָר זיצן אין אַ זייט איינגעהילט אין שמאַטעס און אָפּגעגאָלטע קעפּ. "זיי זענען געוויס אידישע מיידלעך," האָט די מאַמע שפּעקולירט הויך. "זיי האָבן די אידישע מדה פון בושה."

איז איר איינגעפאַלן אַ בייפאַל. זי האָט אויסגערופן "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד!" אַ קול איז צוריקגעקומען, "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד," און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון ביידע זייטן פון די גראַטעס ווען אידישע קינדער האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

מ'האָט גע'פועל'ט צו קענען אַרויסנעמען די אידישע מיידלעך פאַר שבת, אָבער די באַהערדע האָט זיך געשטעלט אַז מוצאי שבת מוז'ן זיי זיך צוריקקערן צו די שולעס. ס'איז געווען זייער שווער און ווייטאָגליך זיי צו לאָזן צוריקגיין, אָבער מ'האָט נישט געהאַט קיין ברירה. די עלטערן האָבן זיי אָבער פאַרשפּראָכן צו טאָן אַלעס זיי צו העלפן אַרויסראַטעווען פון דאָרט. מ'האָט געזוכט די משפחות און זיי מודיע געווען איבער די טעכטער וואָס געפינען זיך דאָרט, און אַסאַך פון זיי האָט מען אַזוי אַרויסגעראַטעוועט במשך דעם זומער, צו קענען צוריקגיין צו אַ אידיש היים און אידיש לעבן.

## פון קאָפּענהאַגען, קיין ירושלים, קיין וויליאַמסבורג

די משפחה איז געבליבן פאַר יאָרן וואוינען אין קאָפּענהאַגען. דער זיידע, הרה"ח ר' חיים משה ע"ה איז אַוועק אין ווינטער פון תש"ח. רעביצין טורנהיים דערציילט אַז די אידישע שולע איז געוואָרן שוואַכער, און מ'האָט אָנגעהויבן לערנען פרעמדע טעמעס. די עלטערן האָבן באַשלאָסן אַז ליבערשט ווי לערנען אין אַזאַ אידישע שולע, זאָל מען איר שיקן אין די אַלגעמיינע שולע וויפיל מ'מוז - וואו זיי האבן געוויסט אַז מ'לערנט זיך נישט אָפּ פון די גוים, נאָר מ'איז געצווינגען צו לערנען דאָס ביסל - און דערנאָך האָט מען צוגעלערנט מיט איר אַלע אידישע לימודים.

## אָפּגעזאָגט פון די שחיטה; געראַטעוועט פון שחיטה ה"י

רעביצין טורנהיים דערציילט פאַר 'שהחיינו' ווי אַזוי מיט פילע יאָרן בעפאָר די קריג האָט די השגחה פרטיות געפירט אַז איר משפחה זאָל געראַטעוועט ווערן פון חלילה אומקומען אין ביטערן חורבן.

אָריגינעל האָט איר זיידע, הרה"ח ר' חיים משה פוקס ע"ה, אָנגענומען אַ פּאָסטן אַלס שוחט אין די באַרימטע דייטשע שטאָט פראַנקפורט אַם-מיין. ער האָט זיך אַהינגעצויגן צו צושטעלן כשר פלייש פאַר די שטאָט און ציען חיונה פאַר זיין משפחה וועלכע זענען געבליבן אין פוילן.

צוליב'ן געבורט פון אַ קינד, איז ר' חיים משה ע"ה אַהיימגעפאָרן צו זיין מיט די בני בית און ביי די שמחה. נאָך דריי חדשים, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין פראַנקפורט, וואו די קהלה איז אים באַפאַלן: "דריי חדשים האָט מען נישט געדאַרפט קיין כשר פלייש?" זיי האָבן אים דאַן געמאָלדן אַז ער איז אויפגעזאָגט פונעם פּאָסטן, און זיי האָבן אַ נייעם שוחט.



הרה"ח ר' **מיכאל יעקב פוקס ע"ה, שו"ב**,
אין די עלטערע יאָרן אין ארץ ישראל

זייענדיג צובראָכן אַז ער האָט פאַרלוירן די נייע שטעלע, האָט דער אייבירשטער אונטערגעפירט אַז ער איז געוואויר געוואָרן אַז אין קאָפּענהאַגען זוכט מען אַ שוחט. ר' חיים משה ע"ה האָט זיך אַהינגעצויגן מיט די משפחה איבערצונעמען די שחיטה, און שפּעטער איז אַריינגעקומען דערין זיין זון ר' מיכאל יעקב ע"ה.

ווען די משפחה בלייבט ווען אין פראַנקפורט אַם-מיין, אין דייטשלאַנד, באַטאָנט רעביצין טורנהיים, אַז זיי וואָלטן חלילה געהאַט דעם זעלבן סוף ווי רובא דרובא דייטשע אידן. אויך אין פוילן זענען די איבערוויגנדע מערהייט אידן אומגעקומען ל"ע. אָבער דער אייבירשטער האָט מיט יאָרן פריער שוין אַזוי מסבב געווען אַז משפחת פוקס זאָל אָנקומען קיין קאָפּענהאַגען, וואו רוב רובם פונעם ציבור איז ב"ה ניצל געוואָרן פון די להשמיד, להרוג ולאבד גזירה.

בײַ די נײַנצן יאָר איז רעביצין טורנהיים תליט"א אַרויף קיין ארץ ישראל, וואו זי האָט געפינען איר באַשערטן זיווג, אַ חשוב'ן תלמוד חכם הרה"ג ר' יצחק אליי' שלמה הכהן טורנהיים שליט"א, אדמו"ר מוואלברודזש שליט"א - אַ תלמוד פון ישיבת עץ חיים וועלכער האָט אויך דולה ומשקה געווען פון הגה"צ מרא דארעא דישראל מהרי"ץ דושינסקי זצוק"ל. לבהחל"ח רעביצין טורנהיים'ס עלטערן, הרה"ח ר' מיכאל יעקב ע"ה און די מאמע הינדא ע"ה האָבן זיך מיט יאָרן שפּעטער אויך אַרויפגעצויגן קיין ארץ ישראל, וואו דער פאָטער ע"ה איז נפטר געוואָרן כ' אייר תשמ"ה, און די מאַמע ע"ה איז נפטר געוואָרן כ"ו אייר תשנ"ה - תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

רעביצין טורנהיים מיט איר חשוב'ער מאַן האָבן שפּעטער זיך אַריבערגעצויגן קיין אַמעריקע, קיין באָראָ פּאַרק, און איצט וואוינען זיי אין וויליאַמסבורג. זיי האָבן אינאײנעם אויפגעשטעלט הערליכע אידישע דורות, חשוב'ע קינדער עובדי ה', בני תורה, בנות ישראל כשרות. עס איז אונז געווען אַ פאַרגעניגען צו רעדן מיט איר און הערן די וואונדערליכע געשיכטע, ווי אויך צו טרעפן איר מאַן, דעם רב שליט"א, נאָכ'ן זיך צוריקקערן פון לערנען און אים באַגריסן און הערן פון זיינע יוגענט יאָרן און זיינע רבי'ס. מיר זענען העכסט דאַנקבאַר פאַר זייער צייט און מיטיילן פון זייערע זכרונות מיט אונז, כדי עס צו קענען איבערגעבן פאַר די חשוב'ע ליינער.


Karakterer.

| Fag | Aarskarakter: Karakter | Aarskarakter: Talværdi | Eksamenskarakter: Karakter | Eksamenskarakter: Talværdi |
|---|---|---|---|---|
| Dansk, skriftlig | mg | 13' | mg | 14 |
| Dansk, mundtlig | mg | 13' | mg | 14 |
| Engelsk | mg. | 13' | | |
| Tysk | mg | 14 | mgx | 14' |
| Historie | mg | 14 | mg | 14 |
| Geografi | mg | 14 | mgx | 14' |
| Naturhistorie | mg | 14 | mgx | 14' |
| aturlære | ug | $14^{2}$ | | |
| gning og Matematik, skriftlig | ug | $14^{2}$ | mg. | 13' |
| ning og Matematik, mundtlig | ug | $14^{2}$ | ug | $14^{2}$ |
| ning | gx | $12^{2}$ | mg. | 13' |
| g | mg | 13' | mg. | 13' |
| tik (Legemsøvelser) | mg | 14 | | |
| t Haandarbejde | mg | 14 | mg | 14 |
| andet Legemsarbejde | | | | |
| Husgerning | | | | |
| ftlige Arbejder | mg. | 13' | mg. | 13' |
| | Gennemsnitstal: | 13,82 | Gennemsnitstal: | 13,92 |

ang: g - 12

Eksamensresultat { Karakter: mg / Talværdi: 13,87

Bevis

Tillægsprøve til Mellemskoleeksamen.

(Eksaminandens fulde Navn): Rifka Miriam Fuchs

har i Eksamensterminen Maj-Juni 1949 ved

De Forenede Kirkeskoler

bestaaet Tillægsprøve i Latin

med Karakteren: mg. 13'

(Sted og Datum for Underskriften): 16.-6-49. Nærum

(Underskrift af Skolens Styrer): Inger Wiemer Sørensen

**אַ רעפּאָרט קאַרד פון דענמאַרק** פון יאָר תש"ט (כאַפּנדיג אַ בליק דערויף בעפאָר עס צייגן, זאָגט רעביצין טורנהיים שמייכלדיג: "גאַנץ אַ גוטע מאַרקע").

זאָלן זיי ווייטער זוכה זיין צו עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו, און צו זען נחת פון קינדער און קינדס קינדער ביז מ'וועט שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

*

אין צוגאָב צו צוויי לאַנגע פערזענליכע באַלערנדער שמועסן וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן מיט רעביצין טורנהיים, ענטהאַלט אויך דער אַרטיקל פּרטים פון אַן אַרטיקל וואָס איז ערשינען אין מעלות תשרי תשע"ג - אונטער'ן קעפּל ועל המדינות בו יאמר... די געוואַגטע רעטונג אַקציע פונ'ם דענישן אידנטום, זכרונות פון רעביצין ר.מ. טורנהיים'ס - ח.א. אילאָוויטש. מיר דאַנקן זיך פאַר די 'מעלות' אויסגאַבע פאַר אונז געבן רשות צו נוצן די אינפאָרמאַציע. ווי אויך האָבן מיר געברענגט אינפאָרמאַציע פון אַלגעמיינע באַשרייבונגען איבער די דייטשע אָקופּאַציע פון דענמאַרק און די רעאַקציע פונעם דענישן פאָלק און רעגירונג.









**אַן אַנטיק זילבערנער מעסער** וואָס רעביצין טורנהיים האָט נאָך פון איר זיידע. אויף איין זייט שטייט **יעקב רובן**, זיין נאָמען. די אנדערע זייט האָט איינגעקריצט דעם פסוק **לך אכול בשמחה לחמך**.
ער פלעגט דאָס בלויז אַרויסנעמען מוצאי יום כיפור צו די סעודה,
אַלס בטחון כי כבר רצה אלקים את מעשיך - אַז מ'איז אַרויס זכאי בדין.


1
קאָפּענהאַגען, וואו
משפחת פוקס האָט
געוואוינט
2
ראש השנה
האָט מען זיך געצויגן
צו אַ דערנעבנדיג
דערפעל
3
דינסטאָג עשרת
ימי תשובה איז רעביצין
טורנהיים געפאָרן מיט אַ באַן
ביז'ן מערב עק פונעם זעלאַנד
אינזל, און דערנאָך מיט אַ
שיפל צום יתומים היים
אין ניבאָרג
4
צווישן יום כיפור
און סוכות איז מען
צוריקגעפאָרן פון ניבאָרג
קיין קאָפּענהאַגען צו
א שפּיטאָל.
5
ערב סוכות איז
מען געפאָרן צום דרום
עק פונעם זעלאַנד
אינזל, פון וואו מען איז
אַרויף אויף אַ שיף צו
מאַלמאָ.
7
נאָך עטליכע
טעג האָבן זיי זיך
פאַראייניגט מיט
די משפחה אין
שטאָקהאָלם.
Stockholm
Karlstad
Örebro
Eskilstuna
Norrköping
Linköping
Jönköping
Borås
Växjö
Halmstad
Kalmar
Karlskrona
Helsingborg
Copenhagen
Malmö
Lund
Trelleborg
Visby
Gotland
Öland
Bornholm
Rønne
Google

# ואלה מסעי

## דער וועג צו די באפרייאונג פארנדיג צווישן ראש השנה און סוכות אין עטליכע באהעלטענישן אין דענמארק, ביזן געפירט ווערן צו שוועדן ארויס פון סכנה.



# מעדיקעיר פּאַרט עי. און בי.:
## ווען? ווי אַזוי? וויפיל קאָסט עס?

וויליאַמסבורג - צו די יו.דזשעי.אַ. קומען אָפּט אַריין אָנפראַגעס איבער עלטערע מענטשן און אזעלכע וואָס האַלטן נאָנט צום רעטייערמענט עלטער, איבער ווען עס איז דער צייט זיך איינצושרייבן אין מעדיקעיר, וויפיל עס קאָסט א.ד.ג.

אין די פאָלגנדע פּאַראַגראַפן ווערט צוגעשטעלט אינפאָרמאַציע ווען מ'קען זיך איינשרייבן אין מעדיקעיר, די קאָסטן דערפון און נאָך.

### דער צייט זיך איינצושרייבן אין מעדיקעיר פּאַרט עי. און פּאַרט בי.

#### מענטשן וואָס ווערן 65 יאָר

סאָשעקל סעקיורוטי בענעפיטירער באַקומען געווענליך מעדיקעיר פּאַרט עי. און פּאַרט בי.

**אויטאָמאַטיש:** מענטשן וואָס ווערן 65 יאָר און האָבן שוין איינגעגעבן פאַר סאָשעל סעקיוריטי, וועלן געווענליך אויטאָמאַטיש ווערן איינגעשריבן אין מעדיקעיר פּאַרט עי. (וואָס דעקט פאַר שפּיטאָל קאָסטן), און מעדיקעיר פּאַרט בי. (דאָקטאָר אַפּוינטמענטס א.ד.ג.).

זיי וועלן באַקומען אַ פּעקל "וועלקאָם צו מעדיקעיר", מיט די מעדיקעיר קאַרטל און אינפאָרמאַציע איבער מעדיקעיר. אויב זיי האָבן פּאַרט עי., וועט שטיין אונטען אויפ'ן לינקן עק פונעם קאַרטל "Hospital (Part A)"

אויב האָבן זיי פּאַרט בי. וועט דאָרט שטיין "Medical (Part B)"

**געדענקט: אויב איר ווילט נישט האָבן פּאַרט בי., זאָלט איר אויספאָלגן די אינסטרוקציעס וואָס קומט מיט מיט'ן קאַרד, און מאַכט זיכער עס צוריקצושיקן.** אויב שיקט איר עס נישט צוריק, וועט איר דאַרפן צאָלן פּרימיומס דערפאַר, וואָס וועט אַראָפּגיין פון אייער סאָשעל סעקיוריטי (אָבער כמעט אַלץ לוינט זיך איינצושרייבן דערין, ווייל שפּעטער קאָסט עס טייערער - זעט ווייטער דערוועגן).

### די צייט זיך איינצושרייבן אויב איר זענט נישט אויטאָמאַטיש איינגעשריבן אין מעדיקעיר:

אויב האָט איר נאָכנישט קיין סאָשעל סעקיוריטי - וויבאַלד איר האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן די סאָשעל סעקיוריטי בענעפיטן ווייל איר אַרבעט נאָך א.ד.ג. - ווערט איר נישט אויטאָמאַטיש איינגעשריבן אין מעדיקעיר. איר וועט זיך דאַרפן איינשרייבן אין מעדיקעיר כדי צו בענעפיטירן דערפון און אויסצומיידן טייערערע פּרימיום פרייזן שפּעטער.

די צייט זיך איינצושרייבן פאַר מעדיקעיר פּאַרט בי. איז פון דריי חדשים בעפאָר דעם חודש אין וועלכן מ'האָט דעם 65'סטן געבורט טאָג, ביז דריי חדשים נאָך דעם חודש וואָס מ'האָט דעם 65'סטן געבורט טאָג - וואָס איז אַ סך הכל פון 7 חדשים

צום ביישפּיל, איינער וואָס איז געבוירן אָגוסט 15, 1952, און ווערט 65 אָגוסט 15, 2017, קען זיך איינשרייבן אין מעדיקעיר פון דעם בעפאָרשטייענדן מאי 1 ביז נאָוועמבער 30.

### ווען הייבט זיך אָן די דעקונג:

אויב שרייבט איר זיך אַריין אין מעדיקעיר אין די דריי חדשים בעפאָר אייער 65'סטן געבורט-טאָג, וועט אייער מעדיקעיר פּאַרט בי. דעקונג זיך אָנהייבן דעם ערשטן טאָג אין חודש בעפאָר איר ווערט 65 יאָר אַלט. צום ביישפּיל, אויב אייער געבורט-טאָג איז אָגוסט 15, וועט אייער דעקונג זיך אַנהייבן אָגוסט 1. אויב אייער געבורט טאָג איז אָגוסט 1, וועט זיך די מעדיקעיר דעקונג אָנהייבן יולי 1.

אויב שרייבט מען זיך אַריין אינעם חודש וואָס מ'ווערט 65 יאָר אָדער די דריי חדשים נאָכדעם, וועט די דעקונג זיך אָנהייבן שפּעטער, ווי פאָלגענד: אַז מען שרייבט זיך איין אינעם חודש וואָס מ'ווערט 65, וועט זיך די פּאַרט בי. דעקונג אָנהייבן אַ חודש נאָכ'ן זיך איינשרייבן; אויב שרייבט מען זיך איין אַ חודש נאָכ'ן ווערן 65, וועט די דעקונג זיך אָנהייבן צוויי חדשים נאָכ'ן זיך איינשרייבן; אויב שרייבט מען זיך אַריין 2 אָדער 3 חדשים נאכ'ן חודש וואָס מ'איז געוואָרן 65, וועט די דעקונג זיך אָנהייבן דריי חדשים נאכן אפּלייען.

פּאַרט עי.: מעדיקעיר פּאַרט עי. - פאַר רוב מענטשן וואָס באַקומען עס אומזיסט - הייבט זיך אָן די דעקונג רעטראָאַקטיוו (למפרע), ביז 6 חדשים בעפאָר מ'האָט זיך איינגעשריבן דערפאַר, אויב מ'איז שוין דאַן געווען 65 יאָר.

די וואָס דאַרפן צאָלן געלט פאַר מעדיקעיר פּאַרט עי., וועט די צייט וואָס די דעקונג ווערט גילטיג זיין די זעלבע ווי מעדיקעיר פּאַרט בי. - ד.ה. אויב מ'שרייבט זיך אַריין בעפאָר דעם חודש וואָס מ'ווערט 65, וועט זיך עס אָנהייבן אינעם חודש וואָס מ'ווערט 65. אויב מ'שרייבט זיך איין שפּעטער, וועט מען דאַרפן וואַרטן לענגער צו געניסן פון די קאָווערידזש.

(זעט אין באַזונדערע קעסטל אין וואָס עס ווענדט זיך אויב מ'באַקומט מעדיקעיר פּאַרט עי. פאַר אומזיסט, אָדער מ'דאַרף צאָלן געלט דערפאַר).



## שפעטערע צייטן זיך איינצושרייבן:

אויב מ'פאַרפאַסט זיך איינצושרייבן אין מעדיקעיר ביז דריי חדשים נאָכ'ן 65'סטן געבורט-חודש, דאַרף מען געווענליך וואַרטן ביז'ן קומענדיגן יאַנואַר זיך צו קענען איינשרייבן אין מעדיקעיר פאַרט בי. יעדעס יאָר פון יאַנואַר ביז מאַרטש איז די ענראָלמענט פעריאָדע ווען מ'קען זיך איינשרייבן אין מעדיקעיר, נישט קיין חילוק ווי אַלט מען איז, און די דעקונג וועט אַריינגיין אין קראַפט דעם פאָלגענדן יולי נאָכ'ן זיך איינשרייבן.

מ'דאַרף געדענקן אַז וואָס שפעטער מען שרייבט זיך אַריין אין פאַרט בי. וועט עס געווענליך קאָסטן טייערער פאַר אַ גאַנץ לעבן. די קאָסטן פאַר מעדיקעיר פאַרט בי. קען זיין צען פראָצענט העכער פאַר יעדן גאַנצן יאָר וואָס איר האָט געשפעטיגט זיך איינצושרייבן אינעם פראָגראַם. דאָס הייסט - צום ביישפיל - אויב איר שרייבט זיך אַריין דריי יאָר שפעט, וועט די פרימיומס זיין העכער מיט דרייסיג פראָצענט.

פאַרט עי.: די וואָס זענען באַרעכטיגט פאַר מעדיקעיר פאַרט עי. פאַר אומזיסט, קענען זיך אַלץ איינשרייבן דערין, אפילו נישט דורכאויס די ענראָלמענט פעריאָדע.

די וואָס דאַרפן צאָלן פאַר פאַרט עי., און האָבן פאַרפאַסט זיך איינצושרייבן אין די דריי חדשים נאָכ'ן 65'סטן געבורט-מאָנאַט, וועלן זיך בלויז קענען איינשרייבן אין די ענראָלמענט פעריאָדע, צווישן יאַנואַר און מאַרטש, און די דעקונג וועט זיך אָנהייבן דעם פאָלגענדן יולי. זיי וועלן אויך דאַרפן צאָלן אַ שטראָף, אין פאָרעם פון צען פראָצענט העכערע פרימיומס וואָס זיי וועלן מוז'ן צאָלן פאַר דאָפעלט וויפיל די יאָרן זיי האָבן געשפעטיגט זיך אייצושרייבן אינעם פראָגראַם. צום ביישפיל, אויב זיי האָבן געשפעטיגט זיך איינצושרייבן אינעם פראָגראַם מיט צוויי יאָר, וועלן זיי דאַרפן צאָלן צען פראָצענט העכערע פרימיומס במשך די ערשטע פיר יאָר וואָס זיי באַקומען די דעקונג.

עס זענען דאָ געוויסע אויסנאַמען: צום ביישפיל, עלטערע מענטשן וואָס אַרבעטן נאָך אָדער זייער מאַן/ווייב אַרבעטן נאָך און זיי האָבן אינשורענס פונעם אַרבעטס פלאַץ (דאָס שליסט נישט אַריין קאָרב"אַ אינשורענס, וואָס מ'קען ווייטער צאָל פאַר די אַרבעטס אינשורענס שוין נאָכ'ן אויפהערן צו אַרבעטן), וועלן זיך קענען איינשרייבן אין פאַרט עי. און אין פאַרט בי. ביז אַכט חדשים נאָכ'ן פאַרלירן די אַרבעטס-אינשורענס אָדער אויפגעבן די אַרבעט. זייער דעקונג וועט זיך אָנהייבן אַ חודש נאָכ'ן זיך איינשרייבן און זיי וועלן נישט דאַרפן צאָלן קיין העכערע פרימיומס.

# די פרימיום קאָסטן פון מעדיקעיר פאַרט עי. און פאַרט בי.




מענטשן וואָס גרייכן רעטייערמענט ווערן אָפט איבערראַשט אַז מעדיקעיר קאָסט געלט, האָבנדיג געמיינט אַז דאָס איז אַן אומזיסטער פראָגראַם אַ שטייגער ווי מעדיקעיד. דער פאַקט איז אַז וויכטיגע טיילן פון מעדיקעיר קאָסטן פרימיומס און האָבן אַנדערע קאָסטן, ווי דעדאָקטיבעלס און נאָך.

פאָלגענד זענען די קאָסטן פאַר מעדיקעיר פאַרט עי. און בי., און וויפיל דאָס איז אַרויף היי-יאָר:

**פאַרט עי.:** מעדיקעיר פאַרט עי. - וועלכע דעקט שפיטאָל קאָסטן - איז אומזיסט פאַר רוב געניסער דערפון. אויב איר זענט באַרעכטיגט פאַר סאָשעל סעקיוריטי, וויבאַלד איר אָדער אייער פאָר האָבן געאַרבעט פערציג קוואַרטלען (פערטל יאָרן, וואָס קומט אויס אַ סך הכל פון צען יאָר), באַקומט איר מעדיקעיר פאַרט עי. פאַר אומזיסט.

די וואָס האָבן געאַרבעט בלויז פון דרייסיג ביז פערציג קוואַרטלען דאַרפן היי-יאָר צאָלן חודש'ליך 227$ פאַר מעדיקעיר פאַרט עי. דאָס איז איין דאָלאַר מער ווי פאַראַיאָר. פאַר מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט ווייניגער ווי דרייסיג קוואַרטלען, איז די היי-יעריגע מאָנאַטליכע פרימיום 413$ פער חודש, אַרויף מיט צוויי דאָלאַר פון פאַראַיאָר.

**פאַרט בי.:** מעדיקעיר פאַרט בי., וואָס דעקט דאָקטאָר וויזיטס און רוב אַנדערע געזונטהייט באַהאַנדלונגען, קאָסט אַ פרימיום פאַר יעדן וואָס איז איינגעשריבן אין דעם פראָגראַם.

פאַר די וואָס געניסן פון סאָשעל סעקיוריטי, גייט די פרימיום אַראָפ דירעקט פון די סאָשעל סעקיוריטי טשעק.

רוב עלטערע מעדיקעיר געניסער, וואָס האָבן שוין דעם פראָגראַם פאַר יאָרן און עס ווערט געצאָלט דירעקט פון סאָשעל סעקיוריטי, וועט די פרימיום היי-יאָר קאָסטן 109$, דאָס איז אַ העכערונג פון $104.90 וואָס עס האָט געקאָסט פאַראַיאָר. אייגענטליך, צאָלן זיי פיל אַ נידריגערע פרימיום וויפיל נייע מעדיקעיר געניסער צאָלן. דאָס איז אַדאַנק אַ סאָשעל סעקיוריטי פראָוויזיע וואָס ערלויבט נישט צו רעדוצירן די סאָשעל סעקיוריטי טשעק פון איין יאָר צום אַנדערן. דעריבער קען זייערע פרימיום העכערונג נישט זיין מער ווי וויפיל סאָשעל סעקיוריטי האָט יענע יאָר געהעכערט זייערע טשעקס (וואָס ווערט באַזירט אויף די אָפיציעלע 'קאָסט אָוו ליווינג' העכערונג). וויבאַלד היי-יאָר איז געווען זייער אַ קליינע העכערונג אין די סאָשעל סעקיוריטי טשעקס, איז די מעדיקעיר פרימיום העכערונג פאַר עקזיסטירנדע געניסער אויך זייער קנאַפ.

פאַר די וואָס הייבן איצט אָן צו געניסן פון מעדיקעיר פאַרט בי., אָדער די וואָס האָבן נישט קיין סאָשעל סעקיוריטי און צאָלן אַליין די פרימיום, איז היי-יאָר די מינימום פרימיום $134.

פאַר איינציגע מענטשן מיט פאַרדינסטן העכער $85,000 און פאָרלעך מיט פאַרדינסטן העכער $170,000 זענען די פרימיומס העכער, אַרויפגייענדיג צו $187.50 חודש'ליך, און מיט נאָך העכערע פאַרדינסטן שטייגט עס ווייטער, ביז אַזוי פיל ווי $428.60.

[עס איז אויך דאָ אַן אָפציע פון זיך איינשרייבן, אין מעדיקעיר פאַרט סי. - אויך באַוויסט אַלס מעדיקעיר אַדוועגטעדזש פלאַן - אַנשטאָט פאַרט עי. און פאַרט בי. בעת די פרימיומס זענען געווענליך ביליגער, אַרבעטן די פלענער ווי אַן עיטש.עם.אָ. און באַגרעניצן וועלכע דאָקטוירים און סערוויסעס מ'קען נוצן.

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע אינטערעסן וואָס פרובירן צו צורעדן זיך איינצושרייבן אין די פלענער. עס איז זייער וויכטיג בעפאָר מאַכן דעם שריט זיך דורכצורעדן מיט עקספערטן, כדי נישט בלייבן איינגעשפאַרט אין אַ פלאַן און דערנאָך זיך טרעפן אַז מ'קען נישט נוצן די דאָקטוירים וואו מ'ווערט שוין באַהאַנדעלט פאַר יאָרן, און זיך טרעפן באַגרעניצט מיט אַנדערע געזונטהייט באַדינונגען.

מיר האָפן אין די צוקונפט צו שרייבן איבער פאַרט די. וואָס איז אַ באַזונדערע מעדיקעיר צו דעקן די מעדיצין קאָסטן.]

**הילף צו דעקן די פרימיומס:** שוואַכערע פאַרדינער קענען געניסן פון פאַרשידענע פראָגראַמען, ווי עקסטראַ העלפ און נאָך, צו דעקן די מעדיקעיר פרימיומס. די UJO שטאַב וועט אייך אַרויסהעלפן צו באַשטימען פאַר וועלכע פראָגראַמען איר זענט באַרעכטיגט און ווי אַזוי איר קענט אייך שפאָרן פון די מעדיקעיר קאָסטן. רופט 718.643.9700 עקסטענשאָן 200.




### קריג איבערלעבער זענען באַרעכטיגט פאַר

# אומזיסטע דענטאַל פּראָצעדורן

### וואָס ווערט אַנטזאָגט דורך זייער אינשורענס

**רופט די י.ו.דזשעי.אָ. צו אַפּלייען**

וויליאַמסבורג - קריג איבערלעבער וואָס דאַרפן דורכגיין קאָסטאַבאַרע דענטאַל פּראָצעדורן וואָס ווערט נישט געדעקט דורך זייערע העלט אינשורענס, קענען עס איצט באַקומען פאַר אומזיסט דורך אַפּלייען פאַר די 'האָלאָקאָוסט סורווייוואָרס אָראַל העלט פּראָגראַם.'

דער פּראָגראַם שטעלט צו דאָקטוירים אין די געגנט וואָס וואַלונטירן זייער צייט דורכצופירן די קאָסטבאַרע פּראָצעדורן, ווי רוט קאַנאַלס, קראַונס א.ד.ג., וועלכע קענען צומאָל אַריינציען אין טויזנטער דאָלאַרן און זיי ווערן אָפט אַנטזאָגט דורך מעדיקעיר.

צו קוואַליפיצירן פאַר'ן פּראָגראַם, דאַרף מען האָבן אַ דענייעל בריוו פון די אינשורענס אַז זיי דעקן נישט דעם פּראָצעדור. די אָרגאַניזאַציע וועט דאַן ערלעדיגן צו צושטעלן די פּראָצעדור דורך אַ דענטיסט אין די געגנט וואָס איז אין זייער נעטוואָרק.

**פאַר מער אינפאָרמאַציע און זיך איינצושרייבן אין די פּראָגראַם רופט מרת הענדלער אויף 718.643.9700 עקסטענשאָן 228.**

# UJO שטאַבּ העלפט די וואָס ווערן 65 און סיניאָרס מאַכן די בעסטע מעדיקעיר אויסוואַלן:

וויליאַמסבורג - עלטערע מענטשן, אָדער די וואָס זענען נאָנט צו רעטייערמענט, באַקומען אָפט בריוון און ווענדונגען איבער זיך איינשרייבן אין געוויסע פּלענער א.ד.ג., אָן זיין באַהאַוונט מיט אַלע קאָסטן, בענעפיטן און קאָנסקווענצן דערפון. עס זענען דאָ פאַרשידענע אָפּציעס און פּלענער פאַר מעדיקעיר געניסער, און ס'איז וויכטיג זיכער צו מאַכן אַז מ'מאַכט דעם ריכטיגסטן באַשלוס, און מ'האָט נישט שפּעטער חרטה. די י.ו.דזשעי.אָ. סיניאָר סערוויסעס סטעף איז העכסט באַהאַוונט מיט די פּראָגראַמען, און העלפט סיניאָרס מאַכט די בעסטע באַשליסן.

כדי צו העלפן איבערגיין אייערע אָפּציעס און מאַכן דעם בעסטן אויסוואַל לויט די פּערזענליכע אומשטענדן - סיי פון אַן אינקאָם שטאַנדפּונקט, צו באַשטימען די קאָסטן פון די פּראָגראַמען, און אויך צו זען וועלכע סאָרט פּראָגראַמען עס וועלן אַמבעסטן דעקן פאַר אייערע פּערזענליכע געזונטהייט געברויכן - וועט די י.ו.דזשעי.אָ. סיניאָר סערוויסעס זיך אַראָפּזעצן מיט אַ קליענט אין די חדשים בעפאָר מ'ווערט 65 יאָר אָדער יערליך בעפאָר די איינשרייבונג פּעריאָדעס ווען מ'קען טוישן די פּלענער, איבערצוגיין זייערע געזונטהייט געברויכן און די פאַרשידענע פּלענער און אָפּציעס וואָס עס זענען פאַראַן, כדי אויסצואוועלן דעם בעסטן פּלאַן פאַר זייערע געברויכן. מ'זאָל זיכער מאַכן צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט מיט די סטעף בעפאָר מ'נעמט סיי וועלכע שריט.

די סטעף באַטאָנט אַז ס'איז זייער וויכטיג נישט אונטערצושרייבן אָדער ענטפערן אויף סיי וועלכע בריוו עס האָט צו טאָן מיט מעדיקעיר אָדער מעדיקעיר עיטש.עם.אָ. אָן וואָס מ'גייט עס דורך מיט די עקספּערטן און מ'ווייסט וואָס צו טאָן און אין וועלכע פּלאַן זיך איינצושרייבן. איין מאָל מען מאַכט אַ באַשלוס, איז עס זייער אָפט אַ זאַך וואָס מ'קען נישט צוריקדרייען ביז אַ יאָר אָדער קען מען עס שפּורן פאַר נאָך פיל לענגער. צומאָל קען מען זיך טרעפן אין אַ פּלאַן וואָס דעקט נישט אַ גאָר-קאָסטבאַרער מעדיצין וואָס מ'דאַרף נעמען; אין אַנדערע פעלער צאָלט מען טייערער פאַר דעם פּלאַן, און נאָך. אַ שלעכטער באַשלוס קען האָבן גאָר ערנסטע קאָנסקווענצן אויף'ן געזונט, און עס קען ברענגן אומגעהויערע הוצאות.

אַנשטאָט נעמען אייגענע שריט, זאָל מען אַוועקלייגן די בריוון, און עס אַריינברענגען ווען מ'האָט אַן אַפּוינטמענט איבערצוגיין די אַלע אָנבאָטן, און מאַכן דעם ריכטיגן אויסוואַל.

עס איז שוין נאָנט צו פופצן יאָר וואָס די י.ו.דזשעי.אָ. שליסט אָן סיניאָרס אין פאַרשידענע ערליי פּלענער, געוואָנדן אין וואָס עס איז דאָס מערסטע געאייגנט פאַר יעדן'ס אייגענאַרטיגע מעדיצינישע און געזונטהייט געברויכן, פינאַנציעלן שטאַטוס און נאָך.

צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט, רופט די י.ו.דזשעי.אָ. אויף 718.643.9700 און רעדט צו די סיניאָר סערוויסעס סטעף.

## נייע פּאָרשריפט פאַר געניסער פון קלעימס קאָנפערענץ פּראָגראַמען

אָנגעהויבן פון דעם יוני, וועט מען נישט קענען בענעפיטירן פון די קלעימס קאָנפערענץ פּראָגראַמען פאַר סורווייוואָרס, ווי האָום קעיר, טראַנספּאָרטאַציע א.ד.ג., נאָר אויב מ'וועט אויפווייזן אַז מ'האָט שוין אַפּלייעט צו באַקומען די הילף דורך די אַמעריקאַנער רעגירונג, אָבער מ'איז נישט באַרעכטיגט דערפאַר.

צום ביישפּיל, צו באַקומען האָום קעיר שעות, וועלן קליענטן מוז'ן אויפווייזן אַז זיי האָבן שוין איינגעגעבן צו באַקומען די שעות דורך מעדיקעיד, אָבער זיי קוואליפיצירן נישט דערפאַר.

די י.ו.דזשעי.אָ. וועט רופן די קליענטן צו פאַרלאַנגן די אינפאָרמאַציע, וואָס מ'וועט מוז'ן אַריינגעבן ביז יוני צו קענען ווייטער געניסן פון די האָלאָקאָוסט הילף פּראָגראַמען. ס'איז וויכטיג אַז עלטערע מענטשן און די וואָס העלפן זיי אַרויס איינגעבן פאַר די פּראָגראַמען זאָלן זיכער מאַכן צו האָבן גרייט די אינפאָרמאַציע, כדי נישט צו פאַרלירן קיין סערוויסעס.

# אַסעמבלימאַן לענטאָל האָט פּרעזענטירט יו.דזשעי.אָ. מיט סטעיט לעגיסלאַטור 'פּראָקלאָמאַציע'

# פאַר 50 יאָר סערוויס פאַר'ן ציבור

וויליאַמסבורג - דער לאַנגיעריגער געטרייער אַסעמבלימאַן דזשאָסעף לענטאָל האָט מיט עטליכע חדשים צוריק פּרעזענטירט די יו.דזשעי.אָ. אַ ספּעציעלע פּראָקלאָמאַציע אָפּצוצייכענען אַ 'יובל פון חסד' פון די יו.דזשעי.אָ. פאַר'ן ציבור. די פּראָקלאָמאַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן ביי אן אויפנאַמע פון די יו.דזשעי.אָ. באָורד פאַר קאָונסילמאַן ראַבערט קאַרנעגי און די אַסעמבלי-פרוי-עלעקט טרעמעין רייט - ביידע פאַרטרעטן די געגנט אַרויף פון נאָסטראַנד עוועניו ביי מוירטעל וואו עס וואוינען אַ באַדייטנדע צאָל משפחות פונעם ציבור.

די יו.דזשעי.אָ. האָט פאַראַיאָר אָפּגעצייכנט פופציג יאָר פון איר גרידונג - אין יאָר תשכ"ו, 1966 למספרם. די ראשי הקהלות, די לעגענדאַרע כלל-טוער וועלכע זענען געשטאַנען צו די האַנט פון די גדולי זקני הרבנים זי"ע - די מייסדי הישוב נאָך די וועלט קריג וועלכע האָבן צוריק צוזאַמענגענומען די אודים מוצלים מאש און איבערגעפלאַנצט כלל ישראל על אדמת אַמעריקע - האָבן איינגעזען אַז עס פעלט זיך אויס אַ פאַראייניגטער כח פון אַלע קהלות צו פאַרטרעטן די חרד'ישע אינטערעסן - סיי פאַר שמירת התורה והמצוות, ווי אויך פאַר'ן ציבור'ס גשמיות'דיגע אינטערעסן - פאַר די רעגירונג אינסטאַנצן.

במשך די יאָרן האָט די יו.דזשעי.אָ. ב"ה זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט אַלץ גאָר וויכטיגער כח פאַר די הצלחה און עקזיסטענץ פון די חרד'ישע וויליאַמסבורג - דער כח איז קריטיש וויכטיג צו פאַרזיכערן שמירת התורה והמצוות, אַז דאָס ווערט חלילה נישט געשטערט דורך די רעגירונג; בלויז אַדאַנק דעם כח בליעט די געגנט, און מ'האָט אויסגעקעמפט ריזאָונינגס געאייגנט פאַר משפחות פון די געגנט און פאַרזיכערט אַז מ'קען דאָ בלייבן וואוינען א.א.ז.וו.; און מ'האָט געאַרבעט מיט די אינסטאַנצן פאַר די זיכערהייט פון די געגנט און צו ברענגן נויטיגע סערוויסעס פאַר'ן ציבור.

היינט צו טאָגס באַשטייט די יו.דזשעי.אָ. פון אַ שטאַב פון 35 מענטשן, וועלכע העלפן אַרויס דעם ציבור מיט מעדיקעיד, פוד סטעמפּס, סעקשאָן 8, פּראַדזשעקט אָנגעלעגנהייטן, סאָשעל סעקיוריטי, עס.עס.איי., עלטערע מענטשן מיט האָום קעיר, מאָלצייטן דעליווערד אַהיים, אַ ספּעציעלע אַרבעטער איז דאָ צו העלפן עלטערן מיט ספּעשל עדיוקעישאָן, איינצוגעבן און צו קענען באַקומען די נויטיגע סערוויסעס פאַר זייערע קינדער, הילף פאַר אויסלענדישע וואָס האָבן דאָ חתונה אָדער קומען דאָ וואוינען מיט אימיגראַציע אָנגעלעגנהייטן א.א.ז.וו.



די פראקלאמאציע פון די סטעיט אסעמבלי וואס אסעמבלימאן לענטאל האט פרעזענטירט

אָפּצוצייכענען דעם פופציגסטן יאָר פון די וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציע, האָט אַסעמבלימאַן לענטאָל, וועלכער אַרבעט שוין פאַר צענדליגער יאָרן זייער נאָנט מיט די יו.דזשעי.אָ., באַערט די יו.דזשעי.אָ. מיט אַ סטעיט לעגיסלאַטור פּראָקלאָמאַציע צו באַגריסן און אַנערקענען די יו.דזשעי.אָ.'ס 50 יאָר פון סערוויס.

די פּראָקלאָמאַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן ביי אַ מיטינג וואָס די יו.דזשעי.אָ.'ס באָורד האָט פאָריגע וואָך געהאַט מיט קאָונסילמאַן ראַבערט קאַרנעגי, וועלכע פאַרטרעט טיילן פונעם ציבור און בעדפאָרד סטייוועסאָנט, און די אַריינקומענדע אַסעמבליפרוי פון יענע געגנט טערעמיין רייט.

ביים מיטינג האָבן די באַאַמטע געהערט פון די גרויסע לייסטונגען פון די יו.דזשעי.אָ. אַסעמבלימאַן לענטאָל האָט אויסגעדרוקט זיין צופרידנהייט צו אַרבעטן אינאיינעם לטובת די פילע טויזנטער משפחות, און קאָונסילמאַן קאַרנעגי און אַסעמבלי מיטגליד-עלעקט רייט האָבן אויסגעדרוקט אַז זיי קוקן אַרויס צו אַרבעטן אינאיינעם לטובת די גאַנצע געגנט.

די יו.דזשעי.אָ. באַדאַנקט אַסעמבלימאַן לענטאָל פאַר די אויסצייכענונג, און שטענדיגע צוזאַמענאַרבעט מיט די יו.דזשעי.אָ. צו העלפן דעם ציבור. עס ווערט אויך אויסגעדרוקט אַ שטאַרקן דאַנק פאַר קאָונסילמאַן קאַרנעגי און די אַריינקומענדיגע אַסעמבליפרוי מס. רייט פאַר זייער באַזוך, די שטאַרקע פאַרשטענדעניש צו די געברויכן פונעם ציבור און זייער געטריישאַפט פאַר די גאַנצע געגנט.

# וואוינט איר אין פראדזשעקטס, בעדפארד גארדענס אדער איר האט סעקשאן 8, און איר האָט באַקומען אַ בריוו צו דאַונסייזן?

**פאָלגענד איז וויכטיג אינפאָרמאַציע איבער אייערע רעכטן, און וואָס דאָס באַדייט**

## יו.דזשעי.אָ. האַוזינג סטעפ שטייט גרייט צו העלפן אין אַזעלכע פעלער



וויליאַמסבורג - פילע עלטערע משפחות וואָס וואוינען אין די פראַדזשעקטס, בעדפאָרד גאַרדענס אָדער האָבן סעקשאָן 8, באַקומען בריוון אַז זיי זענען שוין נישט באַרעכטיגט צו זייערע דירות, און אַז זיי דאַרפן זיך אַריינציען אין אַ קלענערע דירה. די יו.דזשעי.אָ. באַקומט זייער אָפט ווענדונגען פון עלטערע משפחות מיט אַזעלכע אישוס. פאָלגענד איז וויכטיגע אינפאָרמאַציע, וואָס דער בריוו באַדייט, און וואָס עס קענען זיין די קאָנסוועגצן אויב איר ציעט זיך נישט אין אַ קלענערע דירה,

### וואָס איז רייטסייזינג אָדער דאַונסייזינג?

איינוואוינער אין די פראַדזשעקטס אָדער וואָס געניסן פון אַנדערע האַוזינג פראָגראַמען, זענען געוועגליך באַרעכטיגט צו האָבן איין צימער פער יעדע צוויי מענטשן אין די משפחה (אַמאָל קען מען האָבן מער, געוואָנדן וויפיל קינדער זענען אינגלעך און וויפיל זענען מיידלעך). עלטערע מענטשן, וואָס וואוינען אין דירות פון עטליכע שלאָף צימערן פון די צייט וואָס זיי האָבן געהאַט קינדער אינדערהיים וואָס האָבן שוין ב"ה חתונה געהאַט, קוואַליפיצירן שוין נישט פאַר אַזוי פיל שלאָף צימערן וויפיל זיי האָבן. דעריבער, ווערן זיי אָפט פאַרלאַנגט צו רייטסייזן אָדער דאַונסייזן - דאָס הייסט זיך אַריינציען אין אַ קלענערע דירה צו וואָס זיי זענען באַרעכטיגט לויט די גרויסקייט פון זייער פאַמיליע.

### פראַדזשעקט דירות

**ווען פאַרלאַנגט נייטש"ע פובליק האַוזינג צו דאַונסייזן?**

מיט עטליכע יאָר צוריק האָט די סיטי געשליכטעט אַן אָנקלאַגע איבער פאַרלאַנגן פון עלטערע מענטשן זיך אַריבערצוציען אין קלענערע דירות, וויבאַלד עס איז זיי גאָר שווער צו מופן און זיך צו צוגעוואוינען צו אַ נייע דירה. אונטער די סעטלמענט פאַרלאַנגט נייטש"ע אַז מ'זאָל זיך אַריינציען אין אַ קלענערע דירה בלויז אויב מ'איז עקסטרעם 'אָווערסייזד' - דאָס הייסט אַז מ'האָט כאָטש צוויי צימער מער וויפיל מ'איז באַרעכטיגט.

מענטשן וואָס זענען עקסטרעם אָווערסייזד אין נייטש"ע, ווערן פאַרלאַנגט אַרויפצוגיין אויף אַ טראַנספער ליסטע, אַז ווען עס ווערט ליידיג אַ קלענערע אַפּאַרטמענט אין זייער דעוועלאָפּמענט וועלן זיי זיך אַהין אַריבערציען.

בעת וואָס אין אַלגעמיין קען מען בלייבן וואוינען אין די זעלבע דעוועלאָפּמענט, איז לעצטנס דער פראָבלעם ערגער געוואָרן פאַר איינוואוינער אין 'אינדעפּענדענס טאַוערס' אין וויליאַמסבורג, וואו נייטש"ע ערלויבט מער נישט קיין אינערליכע טראַנספערס. דאָס באַדייט אַז עלטערע מענטשן פון די דעוועלאָפּענט וואָס דאַרפן רייטסייזן, ווערן אַרויפגעלייגט אויף נייטש"ע'ס באָראָ-ווייד ליסטע, און זיי קענען טראַנספערירט ווערן צו סיי וועלכע פראַדזשעקט אין ברוקלין, וואָס איז פאַרשטענדליך נישט קיין אָפּציע.

### אייערע רעכטן אויב איר באַקומט אַזאַ בריוו

**אַקאָמאָדירונגען צוליב פיזישע שוואַכקייטן און געזונטהייט געברויכן:** טענעטס קענען פאַרלאַנגן אַז מ'זאָל אַקאַמאָדירן זייערע ספּעציעלע געברויכן, אויב זייער שוואַכן פיזישן צושטאַנד פאַרשווערט זיי צו מופן, אַז זיי זאָלן נישט זיך דאַרפן אַרויסציען פון דירות.

דאָס זעלבע אויב זיי דאַרפן האָבן אַ געהילף אין שטוב, אָדער זיי דאַרפן האָבן ספּעציעלע מעדיקעל עקוויפּמענט, ווי אַ שפּיטאָל בעט אָדער אַנדערע גרויסע זאַכן וואָס זיי דאַרפן פאַר'ן געזונט, קענען זיי פאַרלאַנגן צו האָבן אַ שטוב פאַר די זאַכן, און זיך נישט דאַרפן ציען אין אַ קלענערע דירה.

אפילו אין פעלער וואָס זיי דאַרפן יאָ מופן, קענען זיי אָבער פאַרלאַנגן אַז די נייע דירה זאָל זיין אויף אַ פלאַך, שטאָק א.ד.ג. וואָס קומט נאָך זייערע געברויכן און וועט נישט זיין שווער לויט זייער פיזישן צושטאַנד.

**טענעטס קענען צולייגן מיטגלידער אין די דירה:** נייטש"ע מוז אָננעמען פאַרלאַנגן פון די עלטערע אַריינצונעמען באַרעכטיגטע

## נייטש"ע'ס פּראָגראַם צו צאָלן געלט זיך צו ציען אין אַ קלענערע דירה

לעצטנס האָט נייטש"ע אויך געמאָלדן אַ פּראָגראַם אונטער וואָס זיי באָטן אָן $5,000 פאַר עלטערע מענטשן אין 'עקסטרעם אָווערהאַוזד דירות' וואָס זענען גרייט זיך אַוועקצוציען אין אַ קלענערע דירה. זיי קענען אויך דעקן טייל פון די מופן קאָסטן.

כדי צו קוואַליפיצירן פאַר'ן פּראָגראַם מוז מען אָבער אַרויפגיין אויף די באָראָווייד וועיטינג ליסטע, און מ'קען נישט אויסקלויבן בלויז זיך צו ציען אין אַ דירה אין די אייגענע דעוועלאָפּמענט.

געוויסע איינוואוינער באַקומען בריוון וועגן דעם פּראָגראַם. די אָפּציע זיך אָנצושליסן דערין איז גענצליך פרייוויליג. וויבאַלד זיי זענען נישט גרייט זיך אַוועקצוציען אין אַן אַנדערע געגנט און אין אַ קלענערע דירה, דאַרפן זיי נישט נעמען קיין שריט, נאָר זאָלן זיכער מאַכן נישט זיך איינצושרייבן אינעם פּראָגראַם.

משפחה מיטגלידער צו וואוינען מיט זיי אין די דירה, און זיי מוזן רעאַגירן דערויף שריפטליך (עס זענען פאַראַן פאַרשידענע פאַרשריפטן ווער עס איז באַרעכטיגט אַריינגענומען צו ווערן אין די דירה און ווי אַזוי). זיי קענען נישט אַנטזאָגן צו צולייגן אַ מיטגליד באַזירט אויף דעם וואָס דער טענענט וואוינט אין אַ גרעסערע דירה ווי ערלויבט. מיט צולייגן משפחה מיטגלידער קען מען קוואַליפיצירן פאַר אַ גרעסערע דירה.

**מ'קען נישט צווינגען זיך אַוועקצוציען אין אַן אַנדערע דעוועלאָפּמענטס:** אונטער די לעצטע געריכט סעטלמענט, וועלן סיניאָר טענעטס וואָס ווערן געצווינגען צו מופן קענען פאַרלאַנגען צו בלייבן אין זייער דעוועלאָפּמענט אָדער קענען זיי אויסקלויבן צו וועלכע דעוועלאָפּמענט זיי ווילן זיך אַריינציען. נייטש"ע מוז נאָכקומען די פאַרלאַנגן.

**גריעוועונס פּראָצעדור:** ווען אַ פאַמיליע ווערט געצווינגען צו טראַנספערירן צו אַן אַנדערע דירה, קענען זיי ביז 14 טעג אָנהייבן אַ 'גריעוועונס' פּראָצעדור צו אַפּעלירן דעם באַשלוס.

*

**יו.דזשעי.אָ. האַוזינג סטעף שטייט גרייט צו העלפן:** די יו.דזשעי.אָ. האַוזינג סטעף שטייט גרייט צו העלפן עלטערע מענטשן און אַנדערע וואָס האָבן באַקומען דאַונסייזינג בריוון, אַריינצוגעבן פאַר די 'ריזאָנעבל אַקאַמאָדירונגען', אויב עס פעלט אויס, אַריינגעבן אַ גריעוועונס פאַרלאַנג, און צו אינטערווענירן פאַר די טענעטס אין די פעלער זיי זאָלן חלילה נישט פאַרלירן זייער דירה.

## בעדפאָרד גאַרדענס און אַלגעמיינע סעקשאָן 8 געניסער

אַסאַך איינוואוינער אין די בעדפארד גארדענס דעוועלאפמענט באקומען בריוון אז זייערע דירות זענען 'אָווערסייזד', און אויב עס ווערט עוועלעיבעל א קלענערע דירה דארפן זיי זיך אריבערציען אין די קלענערע דירה אדער וועלן זיי פארלירן זייער 'ענהענסד' סעקשאָן 8 וואַוטשער און עס וועט זיין קאָסט טייערער רענט. ענליכע בריוון קומען אָן צו אַנדערע סעקשאָן 8 קליענטן, וואָס זייערע פאַמיליע סייז איז אַראָפּ צוליב חתונה מאַכן קינדער אָדער אַנדערע סיבות.

### וואָס פּאַסירט אויב מען ציעט זיך נישט אַריין אין אַ קלענערע דירה

מ'איז נישט געצווינגען זיך אַריינצוציען אין אַ קלענערע דירה, אָבער די צאָלונגען וויפיל סעקשאָן 8 צאָלט פאַר די דירה קען רעדוצירט ווערן, און דער טענעט וועט מוזן צאָלן אַ גרעסערן טייל פון די רענט.

דאָס איז ווייל סעקשאָן 8 וועט רעדוצירן זייער סובסידיע, און וועט בלויז צאָלן די מאַקסימום וואָס זיי קענען צאָלן פאַר די סייז דירה צו וואָס די באַטרעפנדע משפחה איז באַרעכטיגט. אין צוגאַב צו דעם טייל וואָס די משפחה האָט ביז היינט געדאַרפט צאָלן, וועלן זיי דאַרפן באַצאָלן דעם דיפערענץ אינעם רענט צווישן וויפיל סעקשאָן 8 צאָלט פאַר די קלענערע דירה און וויפיל עס איז דער רענט פאַר די גרעסערע דירה, און זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז מ'דאַרף קענען אויפווייזן ווי אַזוי מ'באַצאָלט עס.

אין געוויסע פעלער - ספּעציעל אויב מ'וואוינט שוין יאָרן אין די זעלבע דירה און מ'האָט נישט כסדר געהעכערט דעם רענט - מאַכט עס נישט אויס קיין גרויסער חילוק, וויבאַלד די רענט וואָס מ'צאָלט איז נידריגער פון די מאַקסימום וויפיל סעקשאָן 8 צאָלט און עס קען זיין ענליך צו זייער מאַקסימום פאַר די קלענערע דירות.

**בעדפאָרד גאַרדענס איינוואוינער פאַרלירן אויך זייער 'ענהענסד' סעקשאָן 8 וואַוטשער, און עס ווערט געטוישט צו געוויינליכע וואַוטשער:** ביי בעדפאָרד גאַרדענס איינוואוינער רעכנט דער 'דאַונסייזינג' בריוו אויס נאָך אַ קאָנסיקווענץ, וואָס וועט אָבער נישט האָבן קיין באַלדיגן אַפּעקט אויף זיי און וועט מעגליך קיינמאָל נישט אויסמאַכן קיין חילוק. דאָס איז דאָס וואָס זייער סעקשאָן 8 וואַוטשער וועט ווערן געטוישט פון אַן 'ענהענסד' וואַוטשער צו אַ געוויינליכע וואַוטשער.

בעדפאָרד גאַרדענס איינוואוינער האָבן אין אַלגעמיין 'ענהענסד' סעקשאָן 8 וואַוטשערס, וואָס ווערט צוגעשטעלט פאַר ספּעציעלע פּראָדזשעקטס און עס קען אין געוויסע פעלער ערלויבן צו רעכענען אַ העכערע רענט וויפיל סעקשאָן 8 וואָלט געווענליך ערלויבט צו רעכענען פאַר די דירה, און סעקשאָן 8 צאָלט דערפאַר מער ווי געווענליך.

בעדפאָרד גאַרדענס איינוואוינער וואָס האָבן 'ענהענסד' וואַוטשערס, און ווערן פאַרלאַנגט זיך אַריינצוציען אין אַ קלענערע דירה, וועלן פאַרלירן דעם 'ענהענסד' סטאַטוס אין פאַל זיי וועלן אַנטזאָגן זיך אַריינצוציען אין די קלענערע דירה. אַנשטאָט וועט זייער סעקשאָן 8 ווערן אַ סטאַנדאַרד וואַוטשער, וואָס וועט בלויז צאָלן די מאַקסימום סומע וויפיל סעקשאָן 8 וואָלט זיי באַצאָלט אין די קלענערע דירה.

דאָס פאַרלירן די ענהענסד סטאַטוס מאַכט איצט נישט קיין אונטערשיד, וויבאַלד די דעוועלאָפּמענט'ס רענט זענען ווייניגער ווי די מאַקסימום ערלויבטע רענט פאַר סעקשאָן 8-סובסידיזירטע דירות. אָבער ווי געזאָגט, קען די רענט אַרויפגיין אויף מ'ציעט זיך נישט אַריין אין די קלענערע דירה.

**ספּעציעלע אויסנאַמען פאַר עלטערע און דיסעיבעלד וואָס דאָס טוישן דירה וועט זיי שווערער מאַכן:** עלטערע מענטשן, העכער 62 יאָר, אָדער די וואָס באַקומען דיסעבילטי פּראָגראַמען, און דאָס טוישן דירה וועט זיי אָנקומען שווער, קענען פאַרלאַנגען אַ ספּעציעלע אַקאָמאָדירונג צו קענען בלייבן אין זייער איצטיגע דירה.

זיי דאַרפן אַריינגעבן די סיבה פאַרוואָס עס וועט זיי שווערער מאַכן, און עס ווערט פאַרלאַנגט אַ צעטל פון אַ דאָקטאָר א.ד.ג. אויב עס ווערט באַשטעטיגט דורך נייטש"ע, קענען זיי בלייבן אין זייער איצטיגע דירה - אפילו ווען עס ווערט עוויילעבל אַ קלענערע דירה.

**אויב באַקומט איר אַ דאַונסייזינג בריוו און איר דאַרפט הילף אויפצואווייזן אייערע ספּעציעלע געזונטהייט געברויכן א.ד.ג., שטייט די יו.דזשעי.אָ. האַוזינג סטעף גרייט אייך צו העלפן. איר קענט זיך פאַרבינדן מיט זיי אויף 718.643.9700 עקסטענשאָן 203 צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט.**

# האַוזינג סטעף

**די יו.דזשעי.אָ. האַוזינג סטעף העלפט פּראַדזשעקט איינוואוינער מיט:**

* באַנייען ליעסעס;
* צולייגן איינוואוינער צו די ליעס - אַ שטייגער ווי צוגעקומענע משפחה מיטגלידער, אייניקלעך וואָס ציען זיך אַריין און באַדינען אַ זיידע'ן און נאָך;
* הילף מיט וויכטיגע ריפּעירס אויף וואָס מ'וואַרט שוין אַ לאַנגע צייט און עס ווערט נישט דורכגעפירט (מאַכט זיכער צו האָבן דעם טיקעט נומער פון אייער ריפּעיר פאַרלאַנג, און איר זאָלט עס האָבן ווען איר פאַרבינדט אייך פאַר הילף);
* סערוויסעס פאַר מענטשן וואָס ווערן פאַרלאַנגט זיך אַריינצוציען אין אַ קלענערע דירה;
* הילף פאַר משפחות וועלכע ווערן פאַרלאַנגט צו צאָלן גאָר הויכע רענטס, נישט אין איינקלאַנג מיט זייער אינקאַם, און נאָך.
* הילף ווען מ'פּרובירט אַריינצוגעבן סיי וועלכע פּאַפּירן אָבער די מענדזשמענט אַנערקענט נישט אַז זיי האָבן עס באַקומען.
* הילף מיט עוויקשאָן בריוון.

**צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט מיט די האַוזינג סטעף, רופט 718.643.9700 עקסטענשאָן 203.**

# האַרץ קראַנקהייטן
## איז די נומער 1 טויט-סיבה אין ברוקלין

לאָמיר טאָן עפּעס דערוועגן: **רעדוצירט די זאַלץ**



### הויך בלוט דרוק איז מסוכן:

עס איז די הויפט סיבה פאַר האַרץ קראַנקהייטן און סטראָוקס ה"י. די גוטע נייעס איז אַז מ'קען עס קאָנטראָלירן און אָפט קען מען עס פאַרמיידן בעז"ה.

### איר זענט אין אַ הויכע ריזיקע פאַר הויכע בלוט דרוק אויב:

- אייער דיעטע ענטהאַלט אַסאַך זאַלץ.
- איר זענט דיק אָדער איבערוואָגיג.
- איר זענט נישט פיזיש אַקטיוו.

### די פאַקטן אין ברוקלין:

- מער ווי אַ פערטל ברוקלינער האָבן הויכע בלוט דרוק.
- 26.5 פּראָצענט ברוקלינער באַריכטן אַז זיי זענען זייער דיק.
- בלויז 68 פּראָצענט ברוקלינער זענען געווען פיזיש אַקטיוו.
- 20.7 פּראָצענט וועסט ברוקלינער זענען נישט געווען פיזיש אַקטיוו.
- 23.8 פּראָצענט ברוקלינער טרינקען איינס אָדער מער צוקערדיגע געטראַנקען פער טאָג.
- 11.8 פּראָצענט ברוקלינער האָבן באַריכטעט אַז זיי האָבן נישט געגעסן קיין שום פרוכט אָדער גרינצייג דעם פאַרלאָפענעם טאָג.

### איר קענט פאַרמיידן אָדער קאָנטראָלירן הויכע בלוט דרוק:

- באַגרענעץ וויפיל זאַלץ (סאָדיום) איר נעמט אַריין.
- עסן מער פרוכט, גרינצייג, האָול גרעין (ברוינע רייז, אָוטמיעל, האָול-ווהיעט ברויט).
- עסן לאָו-פעט מילכיגע פּראָדוקטן און מאָגערע פלייש און פיש (מיידט אויס אומגעזונטע פעטנס ווי סעטורעיטעד פעטנס און טראַנס פעטנס).
- באַגרענעצן וויפיל אַלקאָהאָל מ'טרינקט.
- האָבן כאָטש אַ האַלבע שעה פיזישע אַקטיוויטעטן רוב טעג פון די וואָך.
- אויב האָט איך אייער דאָקטאָר פאַרשריבן מעדיצין, נעמט עס רעגלמעסיג.

### די בענעפיטן פון זיין פיזיש אַקטיוו:

אויב איר זענט איבערוואָגיג, קען אָפּפאַלן אפילו בלויז עטליכע פונט העלפן רעדוצירן דעם בלוט דרוק. פיזישע אַקטיוויטעטן קען העלפן רעדוצירן אייער בלוט דרוק, און עס פאַרבעסערט אייער געזונט, אפילו אויב איר פאַרלירט נישט קיין וואָג.

### לייגט אַריין מער פיזישע אַקטיוויטעטן אין אייער סדר היום:

- נעמט די טרעפ אַנשטאָט דעם עלעוועיטאָר, ווען איר קענט.
- אויב פאַרט איר ערגעץ, גייט אַראָפּ עטליכע גאַסן אַוועק און גייט צופוס.
- ווען איר גייט עטליכע בלאָקס, גייט שנעל.
- שטעלט איך אויף און טאַנצט.

ברוקלין סטאַטיסטיק גענומען פון:

New York City Department of Health and Mental Hygiene. Community Health Survey 2014. EpiQuery: NYC Interactive Health Data

געוואוינט אייך צו ליינען

## די צעטלעך אויף עסן

עסן ווייניגער זאַלץ (סאָדיום) העלפט פאַרמיידן און קאָנטראָלירן הויך בלוט דרוק.
רוב מענטשן זאָלן עסן נישט מער ווי 1,500 מיליגראַם סאָדיום טעגליך.




1 הייבט אָן דאָ: די גרויס פון אַ פּאָרציע (Serving Size).
קוקט אַלץ ווי גרויס אַ פּאָרציע איז, און וויפיל פּאָרציעס עס גייט אַריין אין איין שאַכטל.
אויב איר עסט די גאַנצע שאַכטל, עסט איר צוויי פּאָרציעס.

2 קוקט וויפיל סאָדיום ס'האָט - די שאַכטל אינסטענט זופּ האָט זייער אַסאַך סאָדיום!

3 פּאַרגלייכט סאָדיום אין פאַרשידענע פּראָדוקטן. נוצט די פּראָדוקטן וואָס האָט די ווייניגסטע מאָס סאָדיום.

אינפאָרמאַציע פון:
NYC DOHMH, HHC, Take Care New York, Keep your Heart Healthy: A Key Step to a Healthier New York

# ווי אַזוי אַמבעסטן אַוועקצולייגן פרישע פרוכט און גרינצייג

פרוכט און גרינצייג האַלטן זיך פרישער, האָבן אַ בעסערן טעם, ברענגען מער געזונטהייט בענעפיטן און וועלן זיך האַלטן לענגער אויב מ'האַלט זיי אויפ'ן ריכטיגן פלאַץ. דאָ האָט איר אָנווייזונגען וואָס מ'זאָל האַלטן אין וועלכן אָרט און ווי אַזוי.

**עסן מער פרוכט און גרינצייג קען העלפן פאַרמיידן און קאָנטראָלירן הויך בלוט דרוק.**

## די פאָלגנדע זאַכן זאָל מען האַלטן אין פרידזשידער

**זומער סקוואַש (דאָס שליסט אַריין די געווענליכע גרינע סקוואַש), זוכיני, עגפּלענט, פּאַפּריקע** - האַלט עס אין די אונטערשטע לעדל פונעם פרידזשידער פאַר 3 ביז 4 טעג.

**מאַשרומס און אָקראַ** - האַלט עס אין אַ פּאַפּירענע זעקל אין פרידזשידער פאַר 2-3 טעג.

**פרישע הערבס** - לייגט אַריין אין אַ פלעסטיק זעקל אין דעם אונטערשטן לעדל פון די פרידזשידער, אָדער שניידט אָפּ די עקן, לייגט עס אין אַ גלאָז וואַסער און דעקט עס צו מיט אַ פּלאַסטישן זעקל און האַלט עס אין פרידזשידער.

**קאָלאַרד גרינס, ספּינאַטש, קעיל, טשאַרד - האַלט** עס אין אַ פלעסטיק זעקל, אין פרידזשידער פאַר ביז אַ וואָך.

**מאַיערן, טורניפּס, רעטעך, און רוטאַבאַגאַס** - האַלט עס אין אַ פלעסטיק זעקל אין פרידזשידער.

**צוויקל** - קען מען לייגן אין פרידזשידער אָן קיין זעקל.

**טשיוועס, ליעקס און סקעליאָנס (אינגע צוויבל)** - האַלט אין אַ פלעסטיק זעקל אין אונטערשטן לעדל פון פרידזשידער.

**אַספּאַראַגוס** - שניידט אַראָפּ אַן אינטש פון די אונטערשטע שפּיצן און וויקלט עס אַריין אין אַ נאַסע פּאַפּירענע טאַוועל. האַלט עס אין אונטערשטן לעדל פונעם פרידזשידער.

**קאָרן** - האַלט קאָרן מיט די דרויסנדיגע שולעכטץ און לייגט עס אין פרידזשידער אין אַ פלעסטיק בעג.

**פּיעס און גרין פּיעס** - האַלט אין אַ פלעסטיק זעקל אין די אונטערשטע לעדל פונעם פרידזשידער.

**לעטוס** - שווענקט עס גוט אָפּ, ווישט עס אָפּ מיט אַ טאַועל פּאַפּיר, און לייגט עס אין אַ פלעסטיק זעקל אין אונטערשטן לעדל פון פרידזשידער.

**בראַקאָלי, קאַליפלאַוער** - האַלט עס אין אַ פלעסטיק בעג אין די אונטערשטע לעדל פון די פרידזשידער פאַר 4 ביז 7 טעג.

**טשעריס און פייגן** - האַלט עס אין פלעסטיק זעקל אין אונטערשטן לעדל פון פרידזשידער אויף ביז צוויי וואָכן.

**בלובעריס, רעספּבעריס און סטראָבעריס** - האַלט עס אין אַ פלעסטיק קאָנטעינאָר אין פרידזשידער. אויב מ'עסט עס נישט אין צוויי טעג, לייגט די בעריס פלאַך, אויף אַ פּעיפּער טאַועל אין אַ פלעסטיק זעקל אָדער קאָנטעינאָר.

**פיינעפּל** - האַלט עס אין פרידזשידער, שטאַרק איינגעוויקעלט אין פלעסטיק. מ'קען עס אויך לאָזן אינדרויסן פאַר 2-3 טעג.

## זאַכן וואָס מ'זאָל האַלטן אינדרויסן - אין רום טעמפּעראַטור

**אַוועקאַדאָס** - האַלט עס אינדרויסן ביז עס ווערט רייף.

**טאָמעיטאָס** - האַלט עס אינדרויסן ביז עס ווערט רייף. האַלטן אין פרידזשידער קען עס מאַכן צוקוועטשט און אַוועקנעמען דעם טעם.

**ווינטער סקוואַש** (נישט די געוועהנליכע סקוואַש, נאָר באָטערנאָט סקוואַש און עיקאָרן) - האַלט עס אין אַ קאַלטע טריקענע פלאַץ.

**קאַרטאָפל** - האַלט עס אין אַ טונקעלע, קאַלטע, טרוקענע פלאַץ. סוויט פּאָטעיטאָס האַלט זיך נישט אַזוי לאַנג ווי געוועהנליכע פּאָטעיטאָס. מ'זאָל זיי נישט האַלטן נעבן צוויבל.

**דזשיקאַמאַ** - האַלט עס אין אַ קילע, טרוקענע פלאַץ פאַר ביז דריי וואָכן.

**צוויבל און קנאָבל** - האַלט עס אין אַ טונקעלע, קילע, טרוקענע פלאַץ.

**עפּל** - האַלט עס אין געוועהנליכע רום טעמפּעראַטור. לייגט עס אין פרידזשידער אויב מ'עסט עס נישט ביז אַ וואָך.

**באַנאַנאַס** - האַלט עס אין רום טעמפּעראַטור. עס לייגן אין פרידזשידער מאַכט די שולעכטס ברוין.

**מעלאָנע, קיווי, גואַוואַ, פּאַפּאַיעס** - לייגט עס אין געוועהנליכע רום טעמפּעראַטור ביז עס ווערט רייף.

**מאַנגאָוס, פלוימען, פּיעטשעס, באַרן און עפּריקאַטס** - האַלט עס אין געוועהנליכע טעמפּעראַטור ביז זיי ווערן רייף.

**ציטרוס פרוכט (אָראַנדזש, גרעיפּפרוכט, לעמאָן)** - ציטרוס פרוכט מיט דיקע שולעכטס, זאָל מען האַלטן אין רום טעמפּעראַטור.



געגומען פון: Cardiovascular Disease Prevention & Control Program for the Brooklyn High Bloor Pressure Task Force – DOHMH

# אינטערווענצן צוריקצושטעלן פרויען שווים שעות אין מעטראָפּאַליטען פּול פאַר פיר מאָל וועכנטליך

### פּול ווערט אַסאַך גענוצט דורך עלטערע פרויען פון די געגנט

## ערוויילטע באַאַמטע, קאָמיוניטי באָורד פאָרשטייער, יו.דזשעי.אָ. און וויליאַמסבורגער פרויען באַגעגענען זיך מיט פּאַרקס קאָמישאָנער צו שתדל'ען פאַר מער שעות; אינטערווענירן מיט'ן מעיאָר צוריקצושטעלן די שעות




**רעכטס צו לינקס: אסעמבלימאן הייקינד, קאונסילמאן לעווין און אסעמבלימאן לענטאל, פארנט פון די פּול ביים מעלדן אז די סיטי וועט לאזן די פרויען שעות אין קראפט**

וויליאַמסבורג - ווי באַוויסט איז פאָריגן זומער אונטערגענומען געוואָרן אַן אַטאַקע קעגן דעם וואָס ניו יאָרק סיטי האָט ספּעציעלע שעות פאַר פרויען אין די מעטראָפּאַליטען פּול, נעבן וויליאַמסבורג, וואָס ווערט גענוצט דורך אַסאַך חרד'ישע פרויען, אַריינגערעכנט עלטערע איינוואוינער וואָס בענעפיטירן פונעם שווימען אין די פּול. נאָך אינטערווענצן, האָט די סיטי ב"ה אָפּגעשטעלט פּלענער צו ענדיגן מיט די פרויען שעות, אָבער צום באַדויערן זענען די שעות רעדוצירט געוואָרן.

די יו.דזשעי.אָ. אַרבעט מיט די ערוויילטע באַאַמטע, די קאָמיוניטי באָורד און איינוואוינער, צו אינטערווענירן ביי די סיטי צוריקצושטעלן די צייטן וואָס פרויען קענען שווימען צו כאָטש פיר מאָל אַ וואָך, ווי בעפאָר. אין די אינטערווענצן, האָט די יו.דזשעי.אָ. אָנגעוויזן אַז די שעות זענען איבערהויפּט וויכטיג פאַר עלטערע פרויען, וואָס די אַקטיוויטעטן העלפן זיי זיך האַלטן פיזיש אַקטיוו און עס פעלט אויס צום געזונט, און האָט אַפּעלירט אַז מ'זאָל צוריקשטעלן די פריערדיגע שעות פאַר זיי.

פאַראַיאָר, האָט אָריגינעל געהייסן אַז די שעות וועלן גענצליך אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָך העצרייען אין די פרעסע אַז די ספּעציעלע פרויען שעות איז נישט אויסגעהאַלטן, וויבאַלד די סיטי' געזעצן ערלויבן נישט פונאַדערצושיידן צווישן פרויען און מענער. דאַן האָט זיך גאָר שטאַרק אַרויסגעשטעלט צו האַלטן אָפען די פּול אַסעמבלימאַן דוב הייקינד. ווי אויך זענען געווען אינטערווענצן פון די קאָמיוניטי באָורד, די יו.דזשעי.אָ., ווי אויך קאָנגרעספרוי נידיע וואַלאַזקועז, אַסעמבלימאַן דזשאָו לענטאָל און קאָונסילמאן סטיוו לעווין. מען האָט דאַן ב"ה פאַרזיכערט אַז די סיטי האַלטן אָן די ספּעציעלע שעות פאַר פרויען.

כדי צו קענען אָנהאַלטן די שעות, האָט די סיטי אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלן פּראָטאָקאָל, אונטער וואָס עס איז אָבער רעדוצירט געוואָרן די פרויען שעות פון פיר מאָל אַ וואָך צו בלויז צוויי מאָל אַ וואָך - זונטאָג און אינמיטן די וואָך. וויבאַלד זונטאָג ווערט די פּול אויך גענוצט דורך אינגערע קינדער, איז די איינציגסטע צייט וואָס ערוואַקסענע קענען עס עכט נוצן די איין מאָל אינמיטן דער וואָך.

זינט דאַן אַרבעט די יו.דזשעי.אָ. מיט פאָרשטייער פון די וואָס נוצן די פּול, אינאיינעם מיט די ערוויילטע באַאַמטע, צו אינטערווענירן צוריקצושטעלן די פרויען שעות פאַר פיר מאָל אַ וואָך. מיט עטליכע חדשים צוריק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג דערוועגן מיט'ן פּאַרקס קאָמישאָנער מיטשעל סילווער, וואו עס האָבן זיך באַטייליגט אַסעמבלימאַן לענטאָל, קאָונסילמאַן לעווין, מס. דזשען פעטערסאָן, טשעיר פון קאָמיוניטי באָורד 1 פרויען אישוס קאָמיטע, ווי אויך עטליכע וואָס געניסן פון די פּול, און ר' משה דוד ניעדערמאַן פון די יו.דזשעי.אָ.

מ'האָט דאָרט שטאַרק אַרויסגעברענגט דעם קלאָרן פאַקט אַז דורכאויס די ספּעציעלע פרויען שעות האָט די פּול די מערסטע באַנוצער, און צומאָל דאַרף מען אַפילו אַוועקשיקן מענטשן וויבאַלד עס איז מער וויפיל מענטשן עס מעגן דאָרט זיין מיט איין לייוו-גאַרד, בעת אין די צייטן וואָס מ'האָט אַוועקגענומען פון די פרויען איז די פּול כמעט ליידיג. דאָס דעמאָנסטרירט דעם שטאַרקן געברויך פאַר די שעות, און די לעכערליכקייט פון עס אַוועקנעמען ווען ס'איז כמעט נישטאָ ווער עס נוצט די פּול אין די צייטן..

די פּאַרקס דעפּאַרטמענט האָט נישט געוואָלט צוריקשטעלן די שעות, אָנווייזנדיג אַז זיי שטייען אויס קאָמפּלעינטס און מעגליכע קלאַגעס. אויפ'ן פאַרלאַנג פון די באַאַמטע האָבן זיי אָבער געזאָגט אַז מ'וועט צושטעלן נאָך אַ לייוו גאַרד כדי מ'זאָל נישט דאַרפן אַוועקשיקן קיין פרויען דורכאויס זייערע שעות. זיי האָבן אויך געזאָגט אַז מ'וועט אַנאַליזירן דעם באַנוץ פון די פּול פאַר מעגליכע טוישונגען.

עס זענען אויך פאַררופן געוואָרן עטליכע קאָמיוניטי באָורד מיטינגען וועגן די אישו, און די ערוויילטע באַאַמטע, אָרגאַניזירט דורך אַסעמבלימאַן לענטאָל און מס. פעטערסאן, אַרבעטנדיג מיט פאַרטרעטער פון די איינוואוינער, האָבן דירעקט אַפּעלירט צו מעיאָר דעבלאַסיאָ איבער די אישו. מ'קוקט אַרויס און האָפט אַז מ'וועט באַוויזן איבערצוצייגן די סיטי צוריקצושטעלן די פרויען צייטן פאַר כאָטש פיר מאָל אַ וואָך.

דערווייל זענען די שעות מיטוואָך פון 9 ביז 11 אינדערפרי פאַר ערוואַקסענע פרויען און סיניאָרס; און זונטאָג פון 2:45 ביז 4:45 פאַר פרויען און מיידלעך.

די יו.דזשעי.אָ. דריקט אויס אַ ספּעציעלן דאַנק פאַר מס. פעטערסאָן פון די קאָמיוניטי באָורד, אַסעמבלימאַן לענטאָל און די חשוב'ע וויליאַמסבורגער איינוואוינער וואָס זענען איבערהויפּט אַקטיוו אינעם קאַמף צוריקצושטעלן די ספּעציעלע צייטן פאַר פרויען שווימען צו פיר מאָל אַ וואָך. אַ ספּעציעלן דאַנק ווערט אויסגעדרוקט פאַר אַסעמבלימאַן הייקינד פאַר זיך גאָר שטאַרק אַרויסשטעלן פאַר די אישו פון אָנהייב אָן, און פאַרזיכערן אַז די סיטי אַנערקענט אַז די פרויען שעות איז אַ באַרעכטיגטע אַקאַמאָדירונגען כדי וויליאַמסבורגער פרויען און אַנדערע וואָס ווילן די סעפּעראַטע שעות זאָלן אויך קענען נוצן די פּול.

# ספּעציעלע שמחת יום טוב פּעקלעך געשיקט פאַר קריג איבערלעבער פאַר פסח, שבועות און חמשה עשר בשבט

**וועט אויך אי"ה אַרויסגעשיקט ווערן דעם פסח הבעל"ט**

וויליאַמסבורג - במשך דעם פאַרלאָפענעם יאָר זענען עלטערע אידן אין וויליאַמסבורג איבערראַשט געוואָרן פון ספּעציעלע אויפגעשטעלטע פעקלעך לכבוד יום טוב און מעדנים וואָס איז אָנגעקומען צו זיי לכבוד יום טוב, דעם פאַרלאָפענעם חג המצות, ווי אויך פאַר יום טוב שבועות, און צום לעצט חמשה עשר בשבט, לכבוד דעם ראש השנה לאילנות. אי"ה אויפ'ן יום טוב פסח וועט אי"ה נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט ווערן צו יעדנ'ס טיר מצות און וויין לכבוד דעם זמן חירותינו.

די ספּעציעלע שיינע געשאַנקן לכבוד יום טוב איז צום ערשטן מאָל געשיקט געוואָרן דעם פאַרלאָפענעם פסח ווען מען האָט באַקומען עטליכע פונט מצות און גרעיפ דזשוס ביי די טיר. נישט בלויז וואָס עס פאַרלייכטערט די גרויסע הוצאות פון די צרכי החג, נאָר דאָס מאַכט אויס גרינגער די טירחא פון עס באַשטעלן און זען אַז עס זאָל אָפּגעברענגט ווערן אַהיים. עס איז דאַן אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פאַרגעניגען.

לכבוד דעם יום טוב שבועות איז אָנגעקומען אַ פעקל באַצירט מיט בלימען וואָס אין דעם איז געלעגן פערטיגע פלייש, און פאַרשידענע קיגלען און קינוח סעודה לכבוד יום טוב. דעם פאַרלאָפענעם חמשה עשר בשבט, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ שיין טעצל מיט פרוכטן לכבוד דעם יום טוב.





די ספּעציעלע פעקלעך געשיקט אויף שבועות און חמשה עשר בשבט

ווי געזאָגט גרייט זיך די יו.דזשעי. אָ. נאָכאַמאָל אַרויסשיקן לכבוד יום טוב פסח פאַר איינוואוינער פון די געגנט וואָס זענען אַריבער די מלחמה, מצות און גרעיפ דזשוס פאַר די ימי החג. דער געטרייער סטעף וועט אי"ה זיך פאַרבינדן מיט די באַטרעפנדע בעפאָר די פעקלעך ווערן אַרויסגעשיקט, בעזה"ה צו האָבן אַ כשר'ן און זאַטן יום טוב.

די יו.דזשעי.אָ. באַדאַנקט די ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט אָוו עידזשינג, און די ניו יאָרק סיטי קאָונסיל אין שפּיץ פון ספּיקער וויוועריטאָ, קאָונסילמאַן עספּינאַל, אונזער געטרייער קאָונסילמאַן לעווין און די גאַנצע אידישע קאָקוס אין די קאָונסיל אָנגעפירט דורכ'ן טשעיר קאָונסילמאַן מאַרק לעווין, פאַר דורכפירן די האָלאָקאָוסט איניציאַטיוו וואָס האָט ערמעגליכט די הילף פאַר די וויליאַמסבורגער סורווייווארס פאַר די ימים טובים, און איבערהויפּט פאַר'ן יום טוב פסח ווען די צרכי החג זענען גאָר טייער, און דאָס העלפט אַהיימברענגען די צרכי החג ביי זיי אין שטוב און פאַרלייכטערן די הוצאות.

**פאליציאנטן פון די 90'סטע פאליציי פריסינקט האבן צוגעלייגט א האנט צו טראגן די טעגליכע מיעלס אן וועלכע פון די יו.דזשעי.א. - אדאנק פאר זייער געטריישאפט און הילף**





# ספעציעלער לאָנטשען פאַרברענג פאַר פרויען מלחמה איבערלעבער געפּלאַנט אי"ה אין די נאָנטע צוקונפט

**איינלאַדענונגען וועלן בעז"ה קומען אויף דער פּאָסט**

**פאָריגן זומער האָבן פרויען ב"ה שטאַרק געקוואָלן פון אויספלוג צו קווינס באָטעניקעל גאַרדענס**

ווילִיאַמסבורג - די יו.דזשעי.אָ. שטאַב אַרבעט איצט אויסצושטעלן אַ גאָר רייכן הערליכן פּראָגראַם פאַר אַ לאָנטשן פאַר פרויען אין ווילִיאַמסבורג וואָס האָבן מיטגעמאַכט די קריג, וואו מ'וועט בעז"ה פאַרברענגן אין גאָר אַ לעבעדיגע, וואַרימע אַטמאָספערע.

דאָס פאָלגט נאָך גאָר אינהאַלטרייכע פאַרברענגן וואָס די יו.דזשעי.אָ. האָט צוגעשטעלט פאַראַיאָר - אַ שטייגער ווי דער אויספלוג וואָס איז פאָרגעקומען דעם פאַרלאָפענעם יאָר בעפאָר שבועות צווישן די שמעקעדיגע בלימען און גאָר אַנגענעמע שאָטנס אינעם קווינס באָטעניקעל גאַרדענס, וואו די באַטייליגטע האָבן זיך דערקוויקט פון אַ נאַרהאַפטיגן מיטאָג, און פון גאָר אינטערעסאַנטע אַקטיוויטעטן.

דורכאויס דעם פאַרברענגן האָבן די באַטייליגטע אויך געמאַכט פעינטינגס פון בלימען לכבוד שבועות, און אַנדערע גאָר אינטערעסאַנטע אַקטיוויטעטן. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט דערפרישט און דערמונטערט פון אַ פולן טאָג פאַרברענגנדיג מיט באַקאַנטע אויף אַ גאָר לעבעדיגן פאַרנעם.

ווי אויך איז פאָרגעקומען אַ לאָנטשען פאַראַיאָר אדר צייט אין די קאָנטינענטאַל זאָלן, וואו מ'האָט געהערט רעדנער, און עס איז געווען באַגלייט מיט מוזיק, ווי אויך האָט מען געזען שפּאַנענדע סליידס פון די אַלטע ווילִיאַמסבורג, און אַ גאָר אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג פון היסטאָרישע אַנטיק אַרטיקלען פון נאָך די קריג צוגעשטעלט דורך דעם קליינמאַן האָלאָקאָוסט עדיוקעישאָן צענטער.

די היי-יעריגע לאָנטשען פאַרשפּרעכט אויך צו זיין אַ פאַרברענג ווי די באַטייליגטע וועלן האָבן שעות פון פאַרגעניגען פונעם גאָר רייכן פּראָגראַם. ווי נאָר אַלע דעטאַלן וועלן אי"ה פערטיג ווערן וועט מען אי"ה אַרויסשיקן די איילאַדענונגען, מיט גענויע דעטאַלן פונעם פּראָגראַם.



די טיש גרייט אין די קווינס באטעניקעל גארדענס

די לאָנטשען ווערט ערמעגליכט דורך די סיטי קאָונסיל האָלאָקאָוסט אינציאַטיוו, וואָס עס איז שוין היי-יאָר דאָס צווייטע יאָר וואָס עס ווערט צוגעשטעלט דורך קאָונסילמאַן ראַפאַעל עספּינאַל, די אידישע קאָקוס אין שפּיץ פון טשעיר מאַרק לעווין מיט די שטיצע פון ווילִיאַמסבורג'ס קאָונסילמאַן סטיוו לעווין און אַלע אַנדערע אידישע מיטגלידער. דער אינציאַטיוו שטעלט צו פאָנדן כדי צו באַרייכן דאָס לעבן פון קריג איבערלעבער.

די יו.דזשעי.אָ. דרוקט אויס אַ דאַנק פאַר די אַלע קאָונסיל-לייט און ספּיקער וויווועריטאָ פאַר ערמעגליכן די לאָנטשען און אַנדערע מסיבות וואָס זענען אָפּגעראָכטן געוואָרן פאַר די גרעאַטעוועט פון די ביטערע מלחמה, וואָס העלפט זיי זיך אויפפרישן און האָבן אַ שיבה טובה.

פאָלגט נאָך ווייטערדיגע דעטאַלן!

## יו.דזשעי.אָ. נעמט אָן אַפּליקאַציעס פאַר האָום קעיר און האַוז-קיעפּינג פאַר קריג איבערלעבער

**איבערלעבער וואָס האָבן נישט קיין 24/7 געהילף פון מעדיקעיד, קענען באַקומען געהילפן אין שטוב דורך קלעימס קאָנפערענץ פאָנדינג**

ווילִיאַמסבורג - די יו.דזשעי.אָ. קען בעז"ה האָום קעיר און האַוז קיעפּינג הילף פאַר קריג איבערלעבער וואָס האָבן נישט קיין שטענדיגע הילף אין שטוב.

די הילף ווערט צוגעשטעלט פאַר די וואָס האָבן נישט קיין כסדר'דיגע געהילף אין שטוב דורך מעדיקעיד, און זייער געזונט צושטאַנד פאַרלאַנגט זיי זאָלן האָבן הילף מיט די שטוב ווירטשאַפט. זיי קענען באַקומען ביז 25 שעה הילף אין שטוב. אין געוויסע פעלער, ביי די וואָס זייער געזונט צושטאַנד פאַרלאַנגט מער ווי 25 שעה הילף, און דאָס איז באַשטעטיגט דורכ'ן דאָקטאָר, קען מען באַקומען מער ווי 25 שעה. די פונקטליכע צאָל שעות איז געוואָנדן אין פאַרשידענע פאָרשריפטן, אַריינגערעכנט וואו מ'איז געווען במשך די מלחמה און אַנדערע פאַקטאָרן.

די וואָס האָבן 24/7 געהילפן פון מעדיקעיד (אפילו אויב עס איז ספּליט שיפט) זענען נישט באַרעכטיגט פאַר די הילף.

צו אַפּלייען פאַר די האָום קעיר און האַוז קיעפּינג, און פאַר מער אינפאָרמאַציע, רופט די יו.דזשעי.אָ. אויף 718.643.9700 עקסטענשאָן 205.

# אייגענטימער פון אַלטע הייזער דאַרפן נעמען שריט קעגן שעדליכע לעד פעינט

## וויליאַמסבורג האָט די העכסטע לעד פאַרגיפטיגונג ראַטע ביי קינדער; אָנווייזונגען ווי אַזוי צו פאַרמיידן לעד שעדליכקייטן

וויליאַמסבורג - די דעפּאַרטמענט אָוו העלט האָט אין די לעצטע יאָרן געפינען אַז די געגנט פון די חרד'ישע וויליאַמסבורג, האָט די העכסטע ראַטע פון קינדער מיט הויכע בליי-שטאַפּלען אין די בלוט, וואָס איז זייער שעדליך. דאָס קומט אין גרויסן טייל פון אַלטע הייזער וואו מ'האָט גענוצט לעד פעינט. אייגענטימער פון אַלטע הייזער ווערן דעריבער גערופן זיכער צו מאַכן אַז מ'פאָלגט נאָך די אָנווייזונגען און פאָרשריפטן צו פאַרמיידן לעד שעדליכקייטן פאַר זיך אַליין, און איבערהויפּט פאַר די אינגערע איינוואוינער אין די דירות.

בליי פאַרגיפטיגונג - וואָס מ'קען אויפּפאַסן בלויז דורך בלוט טעסטס וועלכע צייגן הויכע בליי שטאַפּלען אין די בלוט - איז ספּעציעל שעדליך פאַר קליינע קינדער. לויט די באַרימטע מאַיאָ קליניק ברענגט עס לערנען שוועריקייטן, און אַז מ'זאָל חלילה בלייבן אונטערשטעליג און נישט געהעריגע אויפוואַקסן. אויך קען עס אָפּשוואַכן דעם אַפּעטיט, מאַכן אומרואיג, מ'זאָל פאַרלירן וואָג, און זיין שוואַך. עס קען ברענגן בויך קרעמפן, איבלעכישן און ברעכן, שוועריקייטן אַרויסצוגיין, און הערן פּראָבלעמען.

אויך פאַר ערוואַקסענע איז לעד שעדליך - זאָגט מאַיאָ קליניק. עס קען ברענגן הויכע בלוט דרוק, בוך ווייטאָג און מ'זאָל נישט קענען אַרויסגיין, דזשוינט און מוסקעלן ווייטאָגן, מח אָפּשוואַכונגען, ווייטאָג און פאַרשטייפּטקייט, קאָפּ ווייטאָג, זכרון פּראָבלעמען, דעפּרעסיע, און פּראָבלעמען פאַר פרויען אין ספּעציעלע אומשטענדן.



וואנט מיט שיילדנע פעינט - אין אלטע הייזער קען דאס ברענגן לעד פארגיפטיגונגען

אַ שטודיע האָט געפינען אַז אין אונזער געגנט (11211), האָט מען אין 2012 למספרם געפינען הויכע לעד שטאַפּלען אין 11.4 פּער יעדע טויזנט קינדער וואָס מ'האָט געטעסט (מער ווי איינס פון הונדערט). דאָס איז איבער פיר מאָל מער ווי די ראַטע אין די סיטי, ווי לעד פאַרגיפטיגונג איז געשטאַנען ביי 2.5 פּער טויזנט.

מערסטנס פון די פּראָבלעמען זענען געווען אין די געגנט צווישן בעדפאָרד עוועניו און בראָדוועי, צווישן העיוואַרד סטריט און דיוויזשאָן עווניו. די העלט דעפּאַרטמענט האָט געפינען אַז ניינציג פּראָצענט פון די הייזער זענען געבויעט געוואָרן בעפאָר 1960 - ווען עס איז געווען לעגאַל צו נוצן לעד-באַזירטע פעינט און דאָס איז ברייט גענוצט געוואָרן. אויך זענען פופציג פּראָצענט איינוואוינער אין די געגנט אונטער אַכצן יאָר, וואָס מאַכט זיי מער אויסגעשטעלט צו ליידן פון לעד פאַרגיפטיגונגען.

פאַר די וואָס פאַרמאָגן אַלטע הייזער, געבויעט בעפאָר 1960 - אָדער אויב די דירה איז געבויעט געוואָרן בעפאָר 1978 און מ'ווייסט אַז מ'האָט גענוצט לעד פעינט - און עס וואוינען דאָרט קינדער אונטער זעקס יאָר, מוז'ן די אייגענטימער געזעצליך נעמען ספּעציעלע מאָסנאַמען צו באַשיצן די איינוואוינער פון לעד פאַרגיפטונגען. אויב עס שיילט זיך פעינט, מוז עס ווערן פאַרראָכטן, און סיי וועלכע אַרבעט מ'פירט דורך אויף פלעצער מיט לעד, מוז מען נעמען ספּעציעלע מאָסנאַמען צו פאַרמיידן די לעד פאַרגיפטונגען.

ווען מ'פירט דורך פאַררעכטיגונג אַרבעט אין די דערמאַנטע הייזער, מוז'ן זיי נוצן ספּעציעלע אַרבעטער וואָס ווייסן ווי אַזוי זיכער צו מאַכן אַז עס בלייבט נישט קיין הויכע לעד שטאַפּלען אין די לופט, און נאָך די אַרבעט דאַרף מען נוצן ספּעציעלע רייניגונג מעטאָדן און מעסטן די שטויב אַז עס איז נישט שעדליך. מ'דאַרף געדענקן אַז די לעגאַלע אויפגאַבע ליגט אויף די לענדלאָרדס זיכער צו מאַכן אַז מ'האַלט זיך צו פאָרשריפטן און מ'נעמט שריט צו פאַרמיידן לעד פאַרשפרייטונג אין די שטויב.

טענעטס און איינוואוינער דאַרפן האַלטן אַן אויג צי עס שיילט זיך פעינט, ספּעציעל ביי די 'ווינדאָו סילס' (פענסטער שוועלן) וואו עס מאַכט זיך אָפּט שיילנדע פעינט. זיי דאַרפן אָפּט וואַשן די פאָדלאָגע, ווינדאָו סילס, הענט, שפּילצייגן און צומיס.

פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער ווי אַזוי זיך צו באַוואָרענען פון לעד-שטויב ריזיקעס, קען מען אַריינקומען צו די ו.דזשעי.אָ. אויף 32 פען סטריט צו נעמען די בראָשורן דערוועגן, אָדער רופן 311.

# דער אָפיס
# וואָס שטייט
# אייך גרייט צו
# באַדינען פאַר
# **איבער אַ יובל (50) יאָר!**

**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**

אין די יו.דזשעי.אָ. אָפיסעס קענט איר **אַפּלייען** און **רעסערטיפייען** פאַר **אַלע רעגירונג הילף פראָגראַמען** און נאָך, אָן זיך דאַרפן שלעפּן אין שטאָטישע אָפיסעס.

**32 Penn Street**
Between Wythe Ave. & Kent Ave.

**718.643.9700**
*Fax:* 718.819.1817

Monday to Thursday
**9:00 AM** to **5:00** PM
(Last appointment starts at 4:00 PM)

Friday
**9:00 AM** to **12:00** PM

אונזער סטעף וועט אייך אי״ה באַדינען מיט די פולסטע מאָס
**געטריישאַפט** און **ערפאַרונג!**

**UNITED JEWISH ORGANIZATIONS**
of **Williasmburg** and **North Brooklyn**
32 Penn Street
Brooklyn, NY 11249

PRESORT STD
U.S. Postage
**PAID**
Brooklyn NY
Permit No. 523